בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' נצבים וילך תש"פ
Vol. 19-A

United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

**זמנים**

**נצבים וילך**

הדלקת הנרות
**6:57**

סו"ז קריאת שמע
**9:07**

זמן מוצש"ק
**8:23**

להקהל ולעמוד על נפשם:

# ניו יאָרקער אידנטום פּאָלגט נאָך געשפּאַנט קריטישן וואַל-פּאַרמעסט אין "בלומינגראָוו", וואו אידישע באַפעלקערונג פּאַרמעסט זיך פאַר איר עקזיסטענץ

• דעם קומענדיגן דינסטאג סליחות - למספרם סעפטעמבער 18 •

"אלע קהלות" אין "בלומינגראָוו" פּאַראייניגט אַרויסצוברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" צו פאַרזיכערן קלאָרן זיג בעז"ה אינעם היסטאָרישן וואַל-פּאַרמעסט

3

לעבעדיגע זכרונות, הארציגע איינדרוקן און דערהויבענע געפילן פון דעם אומפאַרגעסליכן און היסטארישן מעמד "להקהל ולעמוד" דעם פּאַרלאָפענעם מוצש"ק תשא העעל"ט, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל, כאיש אחד בלב אחד!

9

פּיינטליכע העצע קאַמפּיין דורך בלומינגראוו ווילעדזש באַאמטע קעגן זייערע אידישע איינוואוינער גרייכט געפּאַרפּולן קלימאַקס דורכאויס "קאראנא" קרייזיס

30

יִשְׂרָאֵל עַמְּךָ תְּחִנָּה עוֹרְכִים. שֶׁהֵם מְצֵרִים וּלְהִוָּשֵׁעַ צְרִיכִים.

## תושבי העיר וועלן איינרייסן בימי הרחמים והסליחות מיט הייסע תפלות פאר די הצלחה פונעם עתיד פון אונזער הייליגע געגנט

8

## חובת השעה

דיבורים קילורין לעינים

הגה"צ רבי **יואל הלברשטאם** שליט"א

אב"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר, בלומינגראוו יצ"ו

אצל כינוס האדיר "להקהל ולעמוד", בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל קהלות הקודש תושבי בלומינגראוו כאיש אחד בלב אחד, מוצש"ק תשא העעל"ט

20

עדיטאריעל

## אונזער "זכות" און "מליצה ישרה" צו די הייליגע טעג

12

## אַל נָא אַחַי תָּרֵעוּ לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ!!

זיקוקין דנורא, פסק הלכה ודעת תורה הברורה

שנשמע מפום ממלל רברבן

כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א

18

ב"ה

### דער היסטאָרישער און קריטישער

# וואַל טאָג אין בלומינגראָוו

## איינצלהייטן • דעטאַלן • אָנווייזונגען

אין צוגרייטונג צו די דעצידירנדע וואַלן, וואָס וועלן אי"ה אַנטשיידן "אונזער עתיד" פון יעדע משפחה דאָ אין בלומינגראָוו האָבן די עסקנים אריינגעלייגט **גרויסע כוחות צו פאַרגרינגערן און דערלייכטערן פאַר אייך צום מאַקסימום דאָס אַרויסגיין שטימען אַז ס'זאל אייך נעמען דאס וויינינגסטע צייט וואָס נאָר מעגליך**, און איר זאָלט זיין צוגעשטעלט באקוועם מיט אַלע סאָרט הילף

## סעמפל בעלאָטס

עס וועט זיין צובאקומען אין אלע בתי מדרשים און אינעם "קאמענד צענטער" אָפּצונעמען דעם **"סעמפל-בעלאָט" מיט גענויע אנווייזונגען פונקטליך פאר וועלכע קאנדידאטן צו שטימען.**

ס'איז **"קריטיש וויכטיג"** אַז **"יעדער אָן אויסנאַם"** זאָל נעמען מיט זיך א בעלאָט ביים גיין שטימען. **פארלאזט זיך נישט אויף אייער זכרון,** ווייל יעדע מינדעסטע גרייז קען ח"ו קאָסטן אייער שטימע. **מאַכט זיכער אַז איר פאָלגט אויס גענוי די אָנווייזונגען,** און איר שטימט פינטקליך פאר די אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן לויט ווי אָנגעצייכענט.

## פּאול וואטשערס

עס איז געשטעלט און **לעגאל רעגיסטרירט געווארן דורך "יו.זשעי.סי." א שטאב פון 4 היימישע פאול-וואטשערס** וואס וועלן שטיין אינעווייניג אינעם שטים לאקאציע ארויסצוהעלפן דעם ציבור מיט סיי וואספארא הילף וכדו'.

אויב האט איר **סיי וועלכע פראבלעם ווען איר קומט אריין אָפּגעבן אייער שטימע,** וועלן זיי שטיין אויפ'ן ארט צו הילף זיכער מאכן אז אלעס ווערט מסודר און יעדער קען אפגעבן די שטימע אומגעשטערט בעז"ה.

## צו אייער באַקוועמליכקייט: בעיביסיטינג

עס וועט זיין בעז"ה צוגעשטעלט א **גרעסערע שטאב פון עקספּיריענסד, געטרייע "בעיבי סיטערס" אריבערצוגיין צו אייך אהיים,** אין די צייט וואס איר ווילט אַרויסגיין שטימען, צו קענען איבערלאזן די קינדער, כדי איר זאלט קענען אריבערגיין צום שטים-אָרט אפגעבן אייער שטימע רואיגערהייט אומגעשטערט.

**אויב ברויכט איר א בעיביסיטער ביי זיך אינדערהיים**

**קענט איר אריינרופן**

**845-366-6100 אויף עקסטענשאן 3**

**מיר וועלן אראפשיקן א בעיביסיטער און אזוי אויך א קאר, אייך אָפּצוטראָגן צום וואַל-פּלאַץ.**

## פרייע קאר סערוויס

אזוי אויך איז דא צוגעשטעלט **א פלאטע פון 10 "באַקוועמע קארס"** וואס וועלן שטיין גרייט דורכ'ן טאג **אפצונעמען צו די שטים לאקאציע און צוריק אהיים – געווענליך פריי פון אָפּצאָל!**

**צו באשטעלן א קאר רופט**

**845-366-6100 עקסטענשאן 2**

די אלע קארס וועלן זיין אויסגעשטאַט מיט די ספעציעלע **"סעמפל-בעלאָטס" צו קענען מיטנעמען מיט אייך ווען איר גייט אריין צו די שטים בודקעס.** געדענקט עס מיטצונעמען!

## צום שלום געדענקט:

די יעצטיגע וואַלן קענען גאַנץ-מעגליך אַנטשיידן ווערן 5 אָדער 10 שטימען אַרויף אָדער אַראָפּ. <u>מיר קענען זיך נישט ערלויבן חס ושלום צו פאַרלירן אפילו איין שטימע!</u>

מיר בעטן אייך ברחמים, מיט בלוט און טרערן: <u>לאָזט נישט פאַלן אונזער שטאָט! לאָזט נישט פאַלן אייך אַליין! מיר זענען דערין, ברידערלעך אינאיינעם, גאַנץ בלומינגראָוו צוזאַמען.</u>

זייט נישט קיין צוועק לשעבר! גיט אָפּ אייער שטימע, און לאָמיר עס באַווייזן אינאיינעם אי"ה! <u>איר וועט געניסן פון די פּירות מיט רואיגקייט און צופרידנהייט פאַר צענדליגער יאָרן בעז"ה!</u>

**געדענקט אָנצוזאָגן אין שטוב, בפרט פאַר די פרויען און ערוואַקסענע מיידלעך, אַז מ'זאָל שטימען בלויז מיט די באַשטעטיגטע בעלאָטס פון "בלומינגראוו באחדות", און אויספאָלגן "גענוי" און פּונקטליך די אָנווייזונגען!!**

יעדע צוריקגעהאַלטענע שטימע קען אונז חס ושלום קאָסטן די וואַלן, און מ'וועט זיך נאָכדעם נישט קענען מוחל זיין, אויף די צער און עגמת נפש וואָס מיר וועלן דאָ דאַרפן דורכגיין אין די קומענדיגע יאָרן, ה' ישמרנו.

היסטאָרישע קריטישע וואַלן

## ג' סליחות

**פון 12 מיטאג ביז 9 ביינאכט**

אונזער עתיד • מיין שטימע

אם לא עכשיו אימתי?? | יעדע שטימע ציילט!!!

**בלומינגראוו באחדות**

יעדער יחיד • פאַר אונזער עתיד!

להקהל ולעמוד על נפשם:

# ניו יאָרקער אידנטום פאָלגט נאָך געשפאַנט קריטישן וואַל-פאַרמעסט אין "בלומינגראָוו", וואו אידישע באַפעלקערונג פאַרמעסט זיך פאַר איר עקזיסטענץ

**• דעם קומענדיגן דינסטאג סליחות - למספרם סעפטעמבער 18 •**

**"אלע קהלות" אין "בלומינגראָוו" פאַראייניגט אַרויסצוברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" צו פאַרזיכערן קלאָרן זיג בעז"ה אינעם היסטאָרישן וואַל-פאַרמעסט**

**בלומינגראָוו, ניו יאָרק. – מיט אַן אויסטערלישע שפּאַנונג, געמישט מיט זאָרג און האָפענונג, טוט דאָס ניו יאָרקער אידנטום נאָכפאָלגן דעם היסטאָריש-קריטישן וואַל-פאַרמעסט וואָס וועט זיך אויסשפילן דעם קומענדיגן "דינסטאָג סליחות" אין דער שטאָט בלומינגראוו, וואו די אידישע באַפעלקערונג שטייט אויס אַ שווערן און דעציזירנדן פאַרמעסט איבער דעם צוקונפט פון דער שטאָט – אַ פאַרמעסט וואָס אירע רעזולטאַטן וועלן אַנטשיידן די האַרבע פראַגע צי בלומינגראָוו וועט פאַרבלייבן א פלאַץ וואו היימישע משפחות קענען לעבן אין פרידן און רואיגקייט, וואוקס און שטאנדהאַפטיגקייט, בעז"ה.**

נאכדעם וואס דער ארגינעלער דאטום פון די וואלן איז שוין אפגעשטופט געווארן צוויי מאל דורכאויס די פארגאנגענע מאנאטן, צוליב דעם קאראנא קריזיס, שטייט מען אצינד בעפאר דעם קומענדיגן דינסטאָג, ווען ס'איז ענדגילטיג באשטימט געווארן דער קריטישער פארמעסט וואו די אידישע בלומינגראוו וועט ארויסברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" וואס זי פארמאגט.

יונג און אַלט, מענער, פרויען, און ערוואַקסענע בחורים און מיידלעך. כולם יקבצו באו לך, מ'מוז פאַרזיכערן אַז די פאַראייניגטע "כח האחדות" פונעם ציבור קומט אַריין מיט'ן סאַמע מאַקסימום קראַפט. ווייל נאָר אַזוי קען מען בעז"ה אָפּשלאָגן די קעגנערישע כוחות, וועלכע זיצן אויך נישט מיט פאַרלייגטע הענט, און וויסנדיג אַז דאָס איז זייער לעצטער שאַנס זיך אָנצוהאַלטן ביים מאַכט-בענקל קערן זיי איבער יעדעס שטיינדל אַרויסצוקראַצן, ח"ו, אַ זיג, דורך די אַלטע עשיו-שונא-ליעקב מעטאָדן אָנהעצנדיג די אַלגעמיינע איינוואוינער קעגן "אידישע אָקופּאַציע", כדי זיי זאָלן לויפן צו די שטים-בודקעס.

לויט ווי ס'ווערט באריכטעט פון בלומינגראוו, איז די מאמענטום ביים ציבור אויפ'ן העכסטן גראַד. אַלעס איז אויפגעוואַכט און איינגעשפּאַנט. יעדער באַגרייפט דעם חומר המצב און חובת השעה. יעדער פאַרשטייט קלאָר און דייטליך, אַז מ'שטייט דאָ פאַר א קריטישן שייד-וועג, אָן קיינע גוזמאות. די מינדעסטע פארנאכלעסונג אין דעם גורל'דיגן וואל-טאג פון איינעם וואָס וועט חלילה זיך אפּהאלטן פון שטימען, קען גורם זיין יאָרן יאָרן פון צרות און פאַרפאָלגונגען פאַר הונדערטער משפּחות, שאָדנס פון הונדערטער טויזנטער דאָלער אויסגעבלוטיגט אידיש געלט, סטאַפּ-אָרדערס פאַר בתי מדרשים, און בכלליות רדיפות קעגן די אידישע געברויכן אויף יעדן טריט און שריט.

אין אַ זעלטענעם שריט זענען אַלע גדולי הרבנים שליט"א וואָס פאַרטרעטן די קהלות און בתי מדרשים אין בלומינגראוו, אַרויסגעקומען מיט א פאראייניגטקייט צו רופן דעם ציבור און יעדן יחיד אַרויסצוגיין אָפּגעבן די שטימעס פאר דעם אינדאָרסירטן טיקעט פון די עסקני "יו. זשעי.סי." פאַר'ן מעיאָר און טראָסטי אַמטן פונעם ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו. און די זעלבע די מנהיגי ישראל וואָס רוב מנין ובנין פון תושבי העיר זענען סרים למשמעתם, האָבן באופן יוצא מן הכלל שטאַרק מחזק געווען די עסקני העיר, אַז די שריט וואָס זיי טוען זענען אויסגעהאַלטן און ריכטיג, און זיי טוען באַגלייטן די פעולות בברכות קדשם, אַז מ'זאָל מצליח זיין בעז"ה.

## אַ סימפּאַטישע רעגירונג, וועט אָנהייבן אַ גאָלדענע תקופה בעז"ה!

די טרויעריגע ערשיינונג ווי לאָקאַלע מוניציפּאַליטעטן וואַגן זיך

צו אָפּן דיסקרימינירן אַנטקעגן זייערע לאָקאַלע אידישע איינוואוינער, איז שווין היינט ליידער נישט קיין אויסטערלישע נייעס. פילע געגענטער, אין ניו יאָרק און ניו זשערסי, האבן זיך אין די לעצטערע יאָרן אָפּגעמוטשעט – און טייל מוטשען זיך נאָך ביז'ן היינטיגן טאָג – מיט צרות יגון ואנחה, אויסגעטיילט דורך פיינטליך-געשטימטע באַאַמטע, וועלכע קענען נישט צוקוקן ווי אידישע קינדער פילן אָן זייערע גאַסן און לעבן זיך זייער ערליכן לעבנס-שטייגער, איידל און אָפּגעהיטן.

גאַנצע געגענטער האָבן אין די לעצטערע יאָרן זיך אָפּגעמוטשעט מיט ענדלאָזע שטרייטן, און פאַרצויגענע קאַמפּן האָבן באַאומרואיגט אידישע פאַמיליעס פאַר חדשים און יאָרן, ווען מ'האט כסדר געדאַרפט אפּשלאָגן די נאכאנאנד גזירות אונטער'ן בלעכענעם-פּנים שלייער פון "היטן דאָס געזעץ" אָדער זאָגאַר "פּרעזערווירן די געגנט'ס כאַראַקטער".

אַזוי האָט מען זיך אָפּגעפּלאָגט, ביז מ'האָט באַוויזן אָנצוציען אַ באַדייטן צאָל שטים-באַרעכטיגטע. דאַן איז מען אַרויס אין אַ קאַמפּיין, אויסגעניצט די געלעגנהייט פון לאָקאַלע פּאַרמעסטן, און בעזה"ה באוויזן אריינצוברענגען סימפּאַטישע פאַרשטייער. אָט די אַלע שטעטלעך און געגענטער זענען היינט לעבעדיגע ביישפּילן פון מוניציפּאַליטעטן וואו אַלע איינוואוינער לעבן רואיג און צופרידן, אין פולקאָמע האַרמאָניע. יעדער ווערט אייניג פּאַרטרעטן, און אפילו די אלגעמיינע באַפּעלקערונג איז העכסט צופרידן, פון די שלום ושלוה וואָס האָט צוריק באַהערשט זייערע גאַסן.

אָט דאָס זעלביגע שפּילט זיך יעצט אויס אין דער שטאָט בלומינגראָוו, וואו די אידישע באפעלקערונג איז אין די לעצטערע יארן אויסגעשטאנען שווערע רדיפות און נאכאנאנדע פארפאלגונגען. מ'האט בלאָקירט די פרידליכע איינוואוינער יעדן טריט און יעדן שריט. דער ווילעדזש האָט בייזוויליג געשטראַנדעט די אויפבוי פון בתי מדרשים, אָפּגעהאַלטן פּערמיטן פאַר הייזער, אָפּגעשפּאַרט אומשולדיגע שאָטעלס פון מאַכן טעגליכע טריפּס, און אַזוי ווייטער געצייגט אַ שטייפן רוקן צו יעדע פאַרלאַנג, יעדע ביטע, יעדע געבעט, אָפּגעזען ווי קליין און מינדערוויכטיג, אַלץ נאר כדי ענג צו מאַכן פאַר די אידישע איינוואוינער.




אַצינד, אָבער, אינעם סאַמע זמן פון "תכלה שנה וקללותיה", קריגט בלומינגראוו אָט די גאָלדענע געלעגנהייט, אָט די איינמאָל-אין-יאָרן געשאַנק, אַז זי קען זיך בעזה"ה אַרויסרייסן פון די פאַרפאָלגונגס-קייטן, אַרויסזען פון אָפּיס די פאַרפאָלגער, און בעזה"ה אריינברענגען סימפּאַטישע, פריינטליכע און צוגעלאָזענע קאַנדידאַטן, וועלכע וועלן אי"ה אויספירן זייערע פליכטן מיט יושר און צדק, מיט געפיל פאַר אַלע איינוואוינער און זייערע עלעמענטאַרע געברויכן, און אַזי אַרום בעז"ה צוריקשטעלן פרידן און האַרמאָניע אין דער שטאָט!

איז דאס, אלזא, נישט בלויז "נאָך אַ וואַלן פּאַרמעסט", ווי ס'איז דער שטייגער אין יעדער געגענט יעדע עטליכע יאָר. נאר דאָ אין דעם פאַל פון בלומינגראָוו איז עס עפּעס אויסנאַם, אויסטערליש, אויסערגעווענליך און איינמאָליג, צוליב וואָס דער גאַנצער דרך הטבע'דיגער עתיד פון אידישן בלומינגראוו איז אין דעם אָנגעוואָנדן, מיט די געלעגנהייט אָנצוהייבן אַ גאָלדענע נייע תקופה בעז"ה, פון צופרידנהייט און וואוקס, וואס וועט הייבן בלומינגראוו צו די העכסטע ספּערן בעז"ה.

ווי עס זאגן עס קלאר אלע באוויזן איז דאס לויט אַלע וואַרשיינליכקייטן "די לעצטע געלעגנהייט", צו קענען זיך שטעלן אויף די פיס און פאַרזיכערן אַן עתיד, זינט די איצטיגע פיינטליך-געשטימטע ווילעדזש האט אין דער געהיימעניס אויסגעוועבט א פינסטערן פלאן אוועקצורויבן איינגאנצן דעם שטים-רעכט פון היימישע אידן, דורכ'ן אויסציען די ווילעדזש גרעניצן אַזוי גרויס ווי די טאַון, אריינברענגענדיג אין איר טעריטאָריע פרישע 20,000 נישט-אידישע וויילער, וואס דערמיט וועט אויטאמאטיש אנולירט ווערן דער שטים-כח פון אחינו בני ישראל, אָן קיין מעגליכקייט דאָס צוריק אויפצובויען ביז צענדליגער יאָרן פון יעצט, ה"י!

"בלומינגראוו באחדות", איז דעריבער אַצינד די שטורמישע שטימונג אין בלומינגראוו, ווען אלע קהלות, אלע איינוואוינער, שטייען גרייט פאראייניגט כאיש אחד ובלב אחד, אַלע קהלות, אַלע משפחות, יעדער געפינט זיך אין די זעלבע געשפּאַנטע שטימונג, מיט אַ הייסע אַנטשלאָסנקייט אַריסצוברענגען "יעדע איינציגסטע שטימע" וואס בלומינגראוו פארמאגט, און דערמיט זיך פאַרזיכערן אַז מ'קען דאָ פאַרבלייבן וואוינען, און דערציען קינדער, מיט רואיגקייט און צופרידנהייט, מנוחה ושלוה השקט ובטח, בעזרת ה'.

דאָס צונויפשטעלן די טיקעטס פון די היימישע קהלות איז צושטאַנדגעקומען נאכ'ן אינוועסטירן אַסאַך אַסאַך מחשבה, קאָפּ און מח, נאָכ'ן זיך באַראָטן מיט לאַנגיאָריגע עסקנים און לעגאַלע עקספּערטן, אז ס'זאל זיין די בעסטע וואס נאר שייך, גאר געניאל אויסגערעכנט פאַר די הצלחה פון דער שטאָט, ווען גלייכצייטיג איז ארויסגעשטעלט געוואָרן א קלארע "וויזיע" וואס מ'פלאנט אויפצוטון, אריינצוברענגען א פריש גאלדענע עפּאכע פון וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט לטובת די איינוואוינער בעז"ה.

## געציילטע טעג פאַרבליבן – מ'קען זיך נישט ערלויבן צו פאַרלירן!

שטייט מען ווירקליך אַצינד אָפּגעטיילט בלויז געציילטע טאג פון דעם קומענדיגן דינסטאג סליחות, ווען אידישע קינדער אין 'בלומינגראוו' קוקן ארויס און זענען מתפלל אין דעם זמן מסוגל פון ימי הרחמים והסליחות, אַז דער היימישער טיקעט זאל בעז"ה זיגרייך זיין. מ'קען נישט, און מ'וויל נישט, אַנדערש זיך אויסמאָלן, ח"ו.

מיט יעדן טאָג וואַקסט די שפּאַנונג פונעם וואַל-קאַמפּיין. אַלע קהלות זענען דעריין אינאיינעם, מיט אַן אמת'דיגן באשיינפּערליכן "אחדות" וואס כלל ישראל איבעראל קען פון דעם נעמען אַ מוסטער, ווי ברודערליך און געטריי מ'ארבעט אלע אינאינעם, לייגנדיג אלע אינטערעסן און מיינונגס-פארשידנהייטן אין דער זייט, ווייל דא האנדלט זיך פון א געמיינזאמע פאראייניגטע אינטערעס צו קענען לעבן אין די שטאָט מיט א רואיגקייט בעז"ה!







העכער 70 עסקנים, וועלכע פארטרעטן אלע קהלות, אלע בתי מדרשים, זענען די "וואל עסקנים" און פאָרשטייער, און מ'שטעלט צו א ריי הילף און סערוויסעס לטובת הציבור, צו פארזיכערן אז יעדער קען ארויסגיין שטימען; א שטייגער ווי "בעיביסטינג" פאר די אידישע מאַמעס, "קאַר סערוויס" צו קענען פאָרן אומזיסט צו די שטים-בודקעס, און אַ פולשטענדיגע הילפס-ליין וואו מ'וועט זיין אגאנצן טאג גרייט ערפאַרענע עסקנים צו זיין בייהילפיג מיט סיי וועלכע אנפראגעס אא"וו.

יעדער עסקן האט א ליסטע פון משפחות, גוטע פריינט און שכנים, וואס ער וועט אי"ה אָנרופן און באַגלייטן צו מאכן זיכער אז זיי ברענגען ארויס אלע זייערע שטימעס, איש וביתו. די שפּאַנונג איז ווייט נישט קאָנצענטרירט צו בלויז בלומינגראוו'ס גרעניצן. עס שטייט די גאַנצע אידישע וועלט און קוקט זיך צו מיט זארג און האָפּענונג. יעדער פארשטייט אַז די יעצטיגע וואלן זענען אַ רעפערענדום! אויב קען מען אין בלומינגראוו בלייבן וואוינען רואיג מיט הרחבת הדעת צי נישט; אויב קען מען דאָ האָבן בתי מדרשים און מקוואות צי נישט! אויב וועט מען ווייטער איגנאָרירט און גע'רודפ'ט ווערן צי נישט!

ס'איז אַ היסטאָרישער אחריות, אַ היסטערישער חובת השעה! אן אחריות אויף יעדן איד, אויף יעדן שטים-באַרעכטיגטן חלילה נישט צו פאַרנאַכלעסיגן דעם התחייבות פאַר אַזאַ גרויסע אידישע שטאָט און פאר די טויזנטער נפשות וואס לעכצן צו לעבן א רואיגן צופרידענעם לעבן! ס'איז קלאָר אז די ציפערן זענען בעז"ה דאָ ארויסצוקוועטשן אַ זיג, אָבער די רעזולטאַטן וועלן זיין זייער נאָענט, אדער לכאן אדער לכאן. מ'וויל חלילה נישט נעמען קיין שאַנסן, אַס ס'זאל אחרי כל התלאה אלעס בלייבן ביים אַלטן, ה"י.

דעם קומענדיגן דינסטאג סליחות, ווען די שטים-בודקעס אין בלומינגראוו וועלן זיך עפענען, וועט כל אחד ואחד מתושבי העיר מאַכן זיכער אָפּצוגעבן זיין שטימע, און זען אַז אויך זיין שטוב, פרוי און באַרעכטיגטע קינדער, קומען אַרויס שטימען פאַר די קאַנדידאַטן אינדארסירט פון די געטרייע עסקנים און גוטגעהייסן פון די רבנים ומנהיגי הקהלות שליט"א, און אָט אַזוי, מיט אזא כח האחדות, באַגלייט מיט הייסע תפלות, קוקט מען אַרויס צו באַגלייט ווערן מיט סייעתא דשמיא, צו דערפאָלגרייך זיגן אין די בעפאָרשטיינדע וואַלן, און ס'איז צום האפן אז אין די טעג ווען מיר בעטן זיך "פנה נא אל התלאות" זאל שוין די אידישע 'בלומינגראָוו' ענדליך אויפגעראָכטן ווערן צו א נייע גליקליכע צוקונפט, תחל שנה וברכותיה!

**דעם דינסטאג סליחות: יעדע שטימע ציילט פאַר אַ בעסערע בלומינגראָוו בעז"ה!**

# קוֹלִי שְׁמַע, וּרְאֵה דֶמַע עֵינַי!



## אן אפענע בריוועלע צו מיינע טייערע ברודער און שוועסטער שיחי'

דא רעדט צו אייך אפאר וויכטיגע ווערטער **יואל אבערלאנדער, פון די "בלומינגראוו שאָטל"**. כ'בעט דיר נעם א מינוט און הער מיר אויס מיט רוהיגקייט.

כ'מיין אז איך דארף זיך נישט פארשטעלן פאר'ן ציבור דא. איך האב זיך ארויסגעצויגן דא אין בלומינגראוו מיט עטליכע יאר צוריק, נאך אלעם וואס מען איז אריבער ביז דעמאלט, כ'האב אזוי געהאפט און פרובירט אז דא וועל איך קענען אנהויבן א נייעם בלעטל אין מיין לעבן, כ'זאל שוין ענדליך האבן אביסל רואיגקייט און מנוחת הנפש.

פרנסה איז מיר קיינמאל נישט געווען גרינג, אבער איך בין אריינגעשפרינגען צו אנפירן און דרייוון דעם "שאָטל" וואס איז געווען א געוואונטשענע זאך, סיי אז איך זאל קענען פארדינען פרנסה בדרך כבוד, און סיי אז דער ציבור דא אין בלומינגראוו זאל הנאה האבן פון אזא וויכטיגע סערוויס.

**כ'האב דעמאלט געבארגט געלט און געקויפט א "ווען" וואס האט אנגעהויבן ארומפארן אויף די גאסן.** דער ציבור האט עס ב"ה אנגענומען זייערווארעם, מען האט זיך אזוי געפריידט צו דעם סערוויס, און כ'האב ענדליך אנגעהויבן זעהן עפעס געלט צו דעקן די הוצאות און די הלואה.

אזוי איז מען געגאנגען **"בעבי סטעפס"**, **ביז מען האט ב"ה זיך געדארפט אויסברייטערן, די "ווען" איז שוין געווען אויסגעוואקסן** און כ'האב געדארפט קויפן א גרויסן באס, וואס האט פארשטייט זיך געקאסט **פרישע טויזנטער דאללארן, פלאס די אינשורענס, אינספעקשאנס, און כסדר'דיגע ריפערס** א.א.וו. מיט די האפענונג אז דאס וועט זיך בעז"ה אויסצאלן מיט דער צייט, ווען דער ציבור וועט זיך באנוצן דערמיט טאג טעגליך.

◆ ◆ ◆

אבער נאָך די אלע פלאָג, נאָך די אלע גרויסע הוצאות און חובות וואס כ'האב אריינגעלייגט אין דעם שאטל, ווען איך האב געהאפט אז **ענדליך וועל איך שוין זיין מסודר בעז"ה מיט א שיינע פרנסה און א רואיג לעבן,** **האבן די רשעים, די שונאי ישראל פונעם ווילעדזש באשלאסן מיך צו אויסוועלן פאר זייער קרבן, און מיך פשוט אונטערברענגען חלילה, דורך אוועקנעמען מיין פרנסה און מיך ענג מאכן אויף טריט און שריט.**

וויפיל איך האב פרובירט אלעס אויף דער וועלט זיך צוצושטעלן און אויספאלגן אלע זייערע געזעצן און פארלאנגען, האט גארנישט געהאלפן, איך האב אסאך מאל אָפן געזען ווי מען האט פשוט געטוישט דעם געזעץ אלעס כדי מיך צו מצער זיין און פייניגן.

איך בין ב"ה א שטילער אינגערמאן, **כ'בין קיינמאל נישט געווען אריינגעמישט אין די לאקאלע פאליטיק און איך האב קיינמאל פאר קיינעם נישט שלעכט'ס געטון, אבער דער מעיאר האט זיך פערזענליך גענומען אויף מיינעביינער, מיט א מורא'דיגע רשעות מיך צו אונטערברענגען, מיך צו צעברעכן און מיך צו חרוב לייגן חלילה.**

עד היום הזה קען איך נישט פארשטיין פארוואס ער האט מיך גענומען פאר א ציל ברעט, מיך צו מצער זיין, צו פייניגן און דערנידערן און מיך אויסטרונקן דאס בלוט, בלויז ווייל איך בין א אידיש קינד.

די ווילעדזש האט ספעציעל אראפגעברענגט **פאליצי קארס וואס זענען מיר נאכגעפארן א גאנצן טאג, מיך צו כאפן מיט אן עבירה... איך קען אייך נישט מסביר זיין די פערערשור און די שרעק וואס איך האב געהאט יעדן טאג, פון די מינוט וואס איך האב מיך ארויפגעזעצט אויפ'ן באס ביז סוף טאג,** אבער איך האב ווייטער זיך צוגעשטעלט הונדערט פראצענט וויאזוי זיי האבן געהייסן, און אלעס אויסגעפאלגט ווי א וואויל קינד.

דאס האט ליידער נישט געהאלפן, **מען האט מיך גערופן אין געריכט איינמאל און נאכאמאל**, דערנאך האט מען מיך **אוועקגענומען די לייסענס**, און **צום סוף האט דער מעיאר מיט זיינע ווילעדזש באאמטע גענצליך אפגעשפארט מיט אכזריות דעם שאָטל** און מיך בארויבט פון מיין קוואל פון פרנסה.

(דאס איז שוין אפגערעדט פון די שאדן פאר אייך




אלע, מיינע טייערע שכינים בלומינגראוווער אידן, וואס זייט דעמאלט דארפן זיי צאלן פאר קאר סערוויסעס יעדעס מאל וואס מען וויל פארן קיין קרית יואל, און מען פארלירט ליידער אזויפיל געלט אדאנק דעם ממש טאג טעגליך).

די געפערליכע **גניבה וגזילה**, די ביטערע **השפלה**, די **בזיונות** און די **טעראר** וואס איך בין אריבער דורך די שונאי ישראל פון דעם ווילעדזש, האט מיך **ליידער אויסגעטרוקנט פון געלט, ס'האט מיך צוגעטרעטן צום געזונט, און יעצט שטיי איך מיט פארטרערטע אויגן און איך קוק ארויס אויף א ישועה פון השי"ת אז ס'זאל שוין נעמען אן עק צו די שווערע ביטערע תקופה.**

◆ ◆ ◆

אלזא טייערע אידן, מיינע ברודער און שוועסטער:

**יעדער ווייסט אז איך בין נישט קיין "עסקן", איך בין נישט קיין "פאליטישן", און איך בין נישט פון די שטאט'ס פארזארגער...**

**איך קום ענק בעטן פשוט "פאר מיך פערזענליך", א טובה פאר א צעבראכענעם אינגערמאן, א טאטע פון קינדער.**

**העלפט מיר, איך זאל קענען צוריק באקומען מיין קוואל פון פרנסה, וואס מען האט פון מיך אוועק געריסן אזוי רשעות'דיג!**

**העלפט מיר אז מיין בלוטיגע אפגעהארעוועטע געלט, וואס איך האב אריינגעלייגט אין דעם שאָטל, זאל נישט גיין אין גאַרביזש צוליב פשוט'ע שנאת ישראל!**

**העלפט מיר איך זאל קענען באצאלן די צענדליגער טויזנטער דאללארן וואס כ'האב מיך אנגעבארגט פאר'ן שאטל. איך זאל מיך קענען וויזן דאס פנים אין גאס, איך זאל מיך קענען מפרנס זיין מיט מיין ערליך פארדינטע געלט!**

**וויפיל איז דער שיעור צו ליידן ? ווי לאנג וועל איך נאך אזויפיל מיטמאכן ?**

**איך בעט ענק מיט בלוט פון מיין צעבראכן הארץ, יעצט ווען איך דארף אזוי וויכטיג האבן ענקער הילף**

יא, טייערע אידן, איך וויל פשוט קענען אהיימברענגען פרנסה פאר מיין שטוב, איך וויל קענען זיין א רואיגע טאטע פאר מיינע זיסע לעכטיגע קינדערלעך בליעה"ר, איך וויל קענען באצאלן מיינע ריזיגע חובות, איך וויל שוין ענדליך האבן אביסל מנוחה אין מיין לעבן.

**איך בעט נישט פון ענק קיין געלט, איך בעט נישט קיין טובות**

**איך בעט ענק אבער יא ברחמים ובתחנונים, ווי שטארק א מענטש קען נאר בעטן פון א צווייטן ווישט אָפּ מיינע טרערן מיט א קלייניגקייט!**

**גייט ביטע ארויס שטימען פאר מיינעט וועגן, פשוט ווייל יואלי אויבערלאנדער האט אייך געבעטן!**

**עפענט אויף ענקער הארץ און מאכט נישט אזויפיל חשבונות, לייגט אריין אייער שטימע פאר די היימישע קאנדידאטן דעם קומענדיגן דינסטאג!, לאזט מיך נישט פאלן יעצט ווען איך האב מיין לעצטע שאנס פארבליבן!**

מיינע טייערע שכינים, איך וואונטש איך אייך אָן, אז אין דעם זכות פון מיך ארויסהעלפן און **בזכות הצדיק רבי חיים זאנוויל בן רבי משה ויוטא צפורה**, זאלט איר קיינמאל נישט קענען פארשטיין און נישט דורכגיין דעם צער וואס איך בין אדורכגעגאנגען און איר זאלט אלע געבענטשט ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה.

א הארציגן יישר כח למפרע פון די טיפענישן פון מיין הארץ

אייער פריינד

יואל בן חסיא פעסיא אויבערלאנדער

יִשְׂרָאֵל עַמְּךָ תְּחִנָּה עוֹרְכִים. שֶׁהֵם מְצֵרִים וּלְהִוָּשֵׁעַ צְרִיכִים.

# תושבי העיר וועלן איינרייסן בימי הרחמים והסליחות מיט הייסע תפלות פאר די הצלחה פונעם עתיד פון אונזער הייליגע געגנט

מַכְנִיסֵי רַחֲמִים, הַכְנִיסוּ רַחֲמֵינוּ לִפְנֵי בַּעַל הָרַחֲמִים:

ספעציעלע חשוב'ע שלוחים וועלן מתפלל זיין ביי די קברי צדיקים איבער דער וועלט, ביי דער מערה פון התנא האלקי רשב"י אין מירון און ביים ציון פון הרה"ק מופת הדור רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע, און הרה"ק סניגורן של ישראל רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע

**הגה"צ רבי יואל הלברשטאם שליט"א, אבד"ק קיט"ל ד'סאטמאר - בלומינגראוו, וועט זיך געפינען אין דער שטאט צאנז צו מעתיר זיין בתפלה ביים הייליגן ציון פון ק"ז הרה"ק בעל דברי חיים זי"ע**

## הארציגע מעמד התעוררות רחמים רבים וועט אפגעהאלטן ווערן ביים ציון פון הרה"ק מריבניץ זי"ע דורך מוה"ר יואל אבערלאנדער הי"ו, וועלכער האט שוין - ווי באקאנט פאר אלעמען - געזען גאר וואונדערליכע ישועה בעפאר די פארגאנגענע אפגעשטיפטע וואלן פארמעסט

דורכאויס דעם גאנצן קריטישן טאג וועלן תושבי בלומינגראוו מרבה זיין בתפלה מיט מנייני תהלים ביים ציון המצויינות פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, דער מייסד פון קרית יואל, צו מעורר רחמים זיין אז זיין הייליגע הארעוואניע זאל בעז"ה האבן א קיום און ח"ו נישט בייזוויליג צעשטערט ווערן

שֶׁלֹּא תֹאבַד שְׁאֵרִית יַעֲקֹב, כִּי צֹאן רוֹעֶה נֶאֱמָן הָיָה לְחֶרְפָּה!


אידישע איינוואוינער מוזן קריטיש וויכטיג האבן מינימאַלע באַדערפענישן צו קענען אנגיין מיט'ן אידישן לעבן:

די שאַנסן זענען דאָ, אבער די פאַרמעסט איז שמאָל!

א ערליכער איד מיט אַ אידיש הארץ:

וועט ארויסגיין צייטליך

שטימען

העלפן זיך און העלפן אנדערע!!!!

היסטארישע קריטישע וואלן

ג' סליחות

פון 12 מיטאג ביז 9 ביינאכט

אונזער עתיד • מיין שטימע

יעדע שטימע ציילט!!! / אם לא עכשיו אימתי??

בלומינגראוו באחדות

יעדער יחיד • פאַר אונזער עתיד!

# לעכטיגע זכרונות, הארציגע איינדרוקן און דערהויבענע געפילן פון דעם אומפארגעסליכן און היסטארישן מעמד "להקהל ולעמוד" דעם פארלאפענעם מוצש"ק תשא העעל"ט, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל, כאיש אחד בלב אחד!

אסאך, גאר אסאך, זענען מיר שוין פאראיבער אין די פארלאפענע זעקס מאנאטן.

עס גלייבט זיך שווער אז ס'איז בלויז א האלב יאר זינט יענעם אומפארגעסליכן און היסטארישן מוצש"ק פרשת תשא העעל"ט, אבער פארט ליגט עס נאך גוט איינגעבאקן אין הארץ און אין זכרון די הערליכע סצענעס וואס מיר אלע תושבי בלומינגראוו, האבן זוכה געווען צו מיטלעבן ביי דעם הייליגן און דערהויבענעם מעמד הנשגב "להקהל ולעמוד", בשבת אחים גם יחד, מיט אזא אהבה, מיט אזא אחדות, אשרי העם שככה לו!

מיט א בליק אויף צוריק איז דער גרויסער מעמד אייגנטליך געווען די לעצטע גרויסע פארזאמלונג, וואו אזויפיל אידן, אלע תושבי עירינו ביחד, זענען זיך צוזאמגעקומען אינאיינעם, איידער דעם גרויסן קריזיס וואס האט אונז ליידער באטראפן אין דעם נאכפאלגענדן שווערן קאראנא סעזאן.

בלויז עטליכע טעג שפעטער, נאך אין די זעלבע וואך, זענען די טויערן פון די בתי מדרשים ליידער אפגעשלאסן געווארן, אבער ווי מן השמים האט מען געפירט מיט א באשטימטע השגחה אז אט דער הייליגער כינוס זאל נאך יא קענען צושטאנד קומען, און טאקע אויפ'ן שענסטן פארנעם, ברוב פאר והדר, ווען אלע תושבי העיר האבן אזוי ברודערליך פארברענגט תחת קורת גג אחד, וואס איז פאקטיש געווען דער קוואל פון חיזוק, דער גוטער געפיל וואס האט אונז באגלייט במשך די לאנגע חדשים ווען מען האט זיך צום באדויערן נישט געקענט טרעפן אינאיינעם.

דער גוטער געפיל איז אייביג פארבליבן; מיר זענען נישט אליינס. מיר זענען אינאיינעם, אין ליידן און אין פריידן.

■ ■ ■

באלד ממחרת יום הפורים, ווען ס'איז ארויס דער פלאקערדיגער כרוז פון "לך כנוס את כל היהודים!", האבן מיר עס אלע געשפירט דאס זעלבע: יא! ס'איז געקומען די צייט, אין ליכט פון די דראמאטישע אנטוויקלונגען וואס שפילן זיך אפ אין די יעצטיגע טעג דא איין שטאט, אז מ'דארף צונויפרופן, צונויפברענגען, איינזאמלען, כל העיר הזאת, אלע איינוואוינער, אלע רבנים, אלע עסקנים, אלע תושבים, יונג און אַלט, צו אַן איינמאָליגן און ערשטמאָליגן גענעראל-פארזאמלונג "להקהל ולעמוד"!

ווייל נאך אלעם שטייען מיר דאך אצינד אין א היסטאָרישן זמן, אין א היסטערישן מאמענט, די עמודי בלומינגראָוו ירופפו, די זוילן פון אונזער שטאָט וואַקלען זיך. מיר שטייען פאר א דעדיצידירנדן רעפערענדום וואָס וועט אנטשיידן בדרך הטבע די צוקונפט פון אונזער שטאט, צי די גבולי הקדושה וועלן קענען ווייטער נתרחב ווערן, צי מ'וועט דאָ קענען אָנגיין מיט די קהלות הקודש, מיט בתי מדרשים און מקוואות, מנוחת הנפש והרחבת הדעת, און די גדולי רבני העיר, די עיני העדה, ווילן בתוך רבים איבערגעבן און משמיע זיין דעת תורתם וחובת השעה על כל אחד ואחד!

אָט דאָס איז טאקע צושטאַנד געקומען יענעם מוצאי שבת קודש, ווען "גאנץ בלומינגראָוו", אין בוכשטעבליכן זינען פון ווארט, נישט קיין מליצות און נישט קיין איבערגעטריבענע גוזמאות, איז ארויסגעקומען צו דעם ריזן "גענעראל פארזאמלונג" וואו מען האט לאנגע שעות געהערט "דברים כהוויתן", לעבעדיגע מציאות פון וואס דא שפילט זיך אפ, מען האט גוט באַגריפן ווי די "ערד ברענט אונטער אונזערע פיס", און דאַן האט מען געהערט פון מרנן ורבנן עיני העדה שליט"א דעם תורה'דיגן פליכט און הלכה'דיגער חובת השעה וחיוב השתדלות לעת כזאת.

**אויב האט עמיצער נאך געדארפט מער עדות, מער איבערווייז אויפ'ן האַרטן קלאָרן רעאליטעט פון "בלומינגראוו באחדות", איז עס יענעם ליכטיגן מוצש"ק כי תשא, דעמאָנסטרירט ווערן אויפ'ן באַשיינפערליכסטן אופן, ווען המוני המונים כל תושבי העיר הזאת, התקבצו ובאו להאי פונדק אחד, בחצר בית המדרש צאנז-זמיגראַד, וואו עס איז אויפגעשטעלט געווארן דער גיגאַנטישער "שאַטער" צו אקאמאדירן די פילע מאַסן און הערן דעם חובת העיר, ויצא דבר המלכות, מאן מלכי רבנן, לדעת את המעשה אשר יעשון אין דעם קריטישן זמן.**

ווער עס האט בלויז געהאט די זכי' צו זיין אנוועזנד ביי די הייליגע אסיפה וועט מעיד זיין אז דאס איז ריכטיג געווען היסטאריש און אומפארגעסליך אין יעדן הינזיכט. דער אנגעפולטער שאטער בלויז מיט "בלומינגראווער איינוואוינער באחדות"; די הערליכע גאלעריע פון די גאוני וצדיקי העיר; די הארציגע שטימונג וואס האט זיך געשפירט אין די לופטן במשך די גאנצע צייט; און די פייערדיגע דרשות חוצבות להבות אש וועלכע האבן געפאדערט און געמאָנט אונזער "חובת השעה", דאס איז אלעס נישט עפעס וואס עס איז בכלל מעגליך צו שילדערן מיט בלויזע

ווערטער און פראזן, ווייל דאס איז געווען עפעס אזוי דערהויבן און אזוי לעכטיג, מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד!

■ ■ ■

אי' שוקל ואי' סופר איבערצוגעבן אפילו אפס קצהו פון די הערליכע מחזות וואס האט זיך אפגעשפילט אין דעם גרויסן שאטער, במשך יעדע עטליכע שטונדן וואס וועט אויף אייביג געדענקט ווערן אין די געשיכטע פון "בלומינגראוו", ווען אחים לדעה תושבי העיר, פון אלע קהלות, פון אלע בתי מדרשים, האבן זיך איינגעזאמלט כאיש אחד בלב אחד, און בקרב הלב פנימה האט דאס הארץ געווארעמט צוזעהנדיג פון דער נאנט אזא אומגלויבליכע סצענע פון אחדות, פון אהבה ואחוה, אשרינו מה טוב חלקינו!

**די אידישע בלומינגראוו האט אין די לעצטע עטליכע יאר שוין מיטגעלעבט עטליכע מעמדי קודש פון הרמת קרן התורה וחסידות, אבער דוכט זיך אז אלע זענען איינשטימונג, כולם פה אחד זענען מעיד, אז אזא מעמד ווי דער כינוס "להקהל ולעמוד" וואס מיר האבן דעמאלט - מוצש"ק תשא - מיטגעלעבט געדענקט זיך איינפאך נישט אין די היסטאריע פון אונזער געגנט. די הערליכע פארזאמלונג האט איבערגעשטיגן אלע השערות און ערווארטונגען און האבן אויפגעהויבן די הונדערטער באטייליגטע אין א לעכטיגע געפיל פון התרוממות און התאחדות. במקהלות ברכו אלקים ה' ממקור ישראל.**

אט דער געפיל איז טאקע געווען א יחידה במינה! מען האט זיך געטראפן ארומגענומען מיט אזויפיל גוטע פריינד און נאנטע שכינים, כולם באו נקבצו לך, און מען האט זיך דערזען מיט א לגיון של מלך פון זקנים עם נערים, וואס אלע שטרעבן אין זייער טאג טעגליכן הליכות החיים צו ממשיך זיין די גאלדענע קייט פון לעכטיגע אידישע דורות מיט א מנוחת הנפש. דאס האט געברענגט די טיפע אינערליכע און פנימיות'דיגע גייסט וואס האט זיך געשפירט אין דער לופטן, מען האט אינאיינעם געדאנקט און געלויבט השי"ת על רחמיו ועל חסדיו אשר הגדיל לנו, און מען האט ווייטער געבעטן אז "לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים".

אנקומענדיג אינעם גרויסן שאטער האט זיך באלד אנטפלעקט דאס שיין בילד, ווען בליץ שנעל זענען אלע טישן געווארן באזעצט פון איין ברעג ביז'ן צווייטן, די הונדערטער חסידים ואנשי מעשה האבן זיך געוואשן צו די סעודה און פארנומען זייערע ערטער אין אַן אַנגענעמע אַטמאָספערע.

דער שאטער הגדול, אויסשטאָפירט מיט שורות שורות בענקלעך און טישן, פון איין ברעג ביז צום אַנדערן, האט פאקטיש אויפגענומען "אַלע תושבים" פון אַלע קהלות וואָס בילדן די שטאָט בלומינגראָוו, וועלכע האבן געשפירט פאר זייער אחריות זיך צו באטייליגן פאר'ן עתיד פון דער שטאט. ווען באזונדער שיינט אראפ דער הערליכער "בימת הכבוד" מיט דער באטייליגונג פון די גדולי הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א עיני העדה, וואס האבן מיט זייער עצם אָנוועזנהייט צוגעבן דעם ריכטיגן תורה'דיגן מאַנדאַט צו אַלעם וואָס איז געזאָגט און אָנגענומען געווארן בלילה הזה.

גלייכצייטיג האט מען גענאסן פון אַ הערליכע און געשמאַקע "זמן קהלה לכל", וואו מ'האט פארברענגט ביי די געשמאַקע און רייכע "סעודת מלוה מלכה" רבתי, אַ סעודת הילולא רבתי לע"נ רבן של ישראל דער הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק




זיעועכי"א, וואס איז אויסגעפאלן יענע וואך.

■ ■ ■

מבואו ועד צאתו פון דעם מעמד הנשגב, איז עס געווען דער חשוב'ער יושב ראש, הרה"ג צנא מלא ספרא **רבי בערל מרגליות** שליט"א, מחשובי תושבי עירינו, וואס האט מיט זיין לשון לימודים און חסידי'שע ווארימקייט ווי אויפגעהויבן די גאנצע אמאספערע מיט א געשמאק און נעימות, ווען ער האט מיט זיין זיסע שפראך געשפרודלט מיט פערל ווערטער, און דערביי אויך דערציילט סיפורי צדיקים וענינים פון האי עיר וקדיש מן שמיא וואָס בכוחו ובזכותו אנו קיימים עד עצם היום הזה.

פון די הערליכסטע מאמענטן ביים מעמד איז אָן קיין צווייפל געווען די **געהויבענע דרשות**, וואס מען האט געהערט פון חשוב'ע רבני העיר העומדים לתפארה בראש הנהגת קהלות הקודש, הגה"צ **רבי יואל האלבערשטאם** שליט"א, אבד"ק קהל יטב לב - רינאוק, און הגה"צ **רבי אלעזר טייטלבוים** שליט"א, ראה"כ תורה ויראה ד'סאטמאר - קליימער, וועלכע האבן בנועם שפתיהם ארויסגעברענגט דעם "דעת תורה הברורה", און דער מורא'דיגער פליכט און אחריות וואס ליגט אויף יעדן יחיד פון די תושבי העיר צו ארויסגיין פערזענליך אפגעבן זיין שטימע, כדי צו אפשטעלן די רדיפות קעגן אידן און קעגן אידישע געברויכן.

**די רבנים שליט"א האבן מעלה געווען על נס די געוואלדיגע זכי' אז דערמיט וואס מען איז מקיים די יעצטיגע חובת השעה, האט מען אַן אייביגע חלק און א נצחיות'דיגע "שותפות" מיט די אלע זכותים פון תורה ותפלה, און דער המשך פון אידישע שטובער וואס וועלן בעז"ה האבן א קיום בלויז אדאנק די שטימע פון יעדן יחיד אין די יעצטיגע קריטישע וואלן פארמעסט.**

■ ■ ■

איז דען פארהאן די פאסיגע ווערטער מיט וועלכע צו באצייכענען דאס התרגשות וואס האט באנומען און דורכגענומען יעדן איינעם ווען עס איז אנגעקומען די מעלדונג אז האי צדיק נשגב עמוד התורה, כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, וועט אט ערשיינען צו דעם מעמד הגדול בהדרת קודש. מיטאמאל האט זיך אלסדינג א שטעל - אפ געגעבן, דער רואיגער מאמענט איז פארכאפט געווארן אין עקסטאז, און אלעמענס אויגן זענען געווענדן אין ריכטונג פון דעם בימת הכבוד ווען דער רבי שליט"א האט זיך באוויזן אויפן אויבן אן זיך באגריסנדיג מיט די רבני העיר שליט"א, בשעת דער ציבור פארגייט זיך אין לעבעדיגע טענץ, וכולם כאחד עונים באהבה זמירות ותשבחות מיט אן התלהבות וחדות הנפש.

און דאן איז ווירקליך אנגעקומען דער הויכפונקט פונעם מעמד, ווען מען האט געהאט די זכי' צו הערן, דער קלארער "משא הקודש וחובת כל יחיד" מפה קדשו, **באופן יוצא מן הכלל, ווען דער צאנז זמיגראדער רבי שליט"א** האט זיך ווי אויסגעשמועסט מיט'ן ציבור איבער די קדושה פון אונזער געגנט און איבער די אחריות וואס מיר פארמאגן אז די פיינטליכע עלעמענטן זאלן חלילה נישט מצליח זיין מיט זייערע מזימות רשע.

דער רבי שליט"א, וואס עינו ולבו איז כל

הימים פאר דער הצלחה און אויפבליה פון אונזער געגנט, האט באזונדער באטאנט אז "די עסקנים דא, וואס טוען דא, אלעס איז ברשות פון די רבנים, האבן זיך צוזאמען גענומען, און מען מאכט אז מזאל קענען שטימען פאר זיי, עס זאל זיין א אידישע שטעטל, א איד זאל קענען דא בויען א בית המדרש, מען זאל קענען בויען א מקוה, מען זאל קענען טון אלעס וואס מ'דארף פאר'ן אידישן עולם."

א ציטער האט אלעמען ארומגענומען ווען דער רבי שליט"א האט זיך אויסגעדרוקט בלש"ק: "איך האב עס שוין געזאגט אפאר מאל, אז די וואס קענען טון און זיי העלפן נישט, זענען עובר אויף "לא תעמוד על דם רעך" דאס איז א זיכערע זאַך... זיי לאזן נישט מנוחה, זיי רודפ'ן, איז די איינציגסטע זאך אז מען טוט זאכן וואס איז על פי חוק המדינה... טאר מען ח"ו קיינער נישט, קיינער טאר עס נישט צוריקהאלטן! יעדער דארף דאס מחזק זיין!".

כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א האט באטאנט אז "מיט איינציגע שטימעס קען מען אנווערן די גאנצע זאך, וואס איז א גרויסע אחריות אויף יעדן איינעם". דעריבער האט דער רבי שליט"א זיך געווענדן מיט א הארציגע בקשה של חיבה: "איבערדעם בעט איך פון יעדן איינעם: "אל נא אחי תרעו"! אין נא אלא לשון בקשה, מען בעט יעדן איינעם, יעדער איינער וואס קען, זאל גיין שטימען פאר די אינגעלייט וואס מען האט זיי געשטעלט אויף דעם."

איבריג צו שילדערן וואס פארא אומגעהויערע און אומבאגרייפליכע השפעה עס האט געלאזט אויף אלעמען די דייטליכע ווערטער יוצאים מפה טהור, מיט אזא קלארקייט און מיט אזא שטארקייט, וואס איז אויפגענומען געווארן דורך אלעמען בחדרת קודש, און מיט דעם געפיל אז דא האנדלט זיך עס פון עפעס גאר ערנסט און גאר פארכטיג, וואס מיר טארן ח"ו נישט נעמען פאר לייכט, נאר טאקע טון "הלכה למעשה" צו פארזיכערן א באלדיגע טויש אין די לאקאלע ווילעדזש אדמיניסטראציע, ועלינו נפל חובת השעה!

■ ■ ■

עס איז שוין געווען אין די שפעטע מוצ"ש שעות, נאך די פייערדיגע דרשות פון הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, מנהיגי הקהלות, ווען א ריזיגער ציבור איז געבליבן זיצן געשפאנט צו מיטהאלטן דעם ערשטמאָליגן "פּאַנעל" מיט די ראשי העסקנים וועלכע שטייען מסירת נפש'דיג אויף די פייערדיגע פראָנט-ליניעס לטובת עירנו. די עסקנים נמרצים וועלכע זענען במשך דעם לעצטן יאָר מקריב זייערע פריוואַטע לעבנס לטובת הציבור והעיר, האבן טאקע אזוי דראמאטיש און הארציג געשילדערט דעם שטורמישן השתלשלות הענינים פון די אופני ההשתדלות בדרכי השלום, וואו מ'האָט פּרובירט יעדע עצה, מיטל און טאַקטיק אויסצו'פּועל'ן ביי די יעצטיגע אַדמיניסטראַציע צו געבן אַן אזן קשבת פאַר אונזערע געברויכן אָבער אָן קיין דערפאָלג.

**די געטרייע יו.זשעי.סי פּאָרשטייער האבן דערביי אויפגעוויקלט מערערע שטוינענדע און דראמאטישע דעטאַלן, וואס האט אויפגעשטורעמט יעדן פון די פארזאמלטע**



**צו פארשטיין און ארויסהאָבן די ברענענדיגע פאַראַנטוואָרטליכקייט וואס ליגט יעצט אויף אונזערע פלייצעס נישט אַוועקצולאָזן חלילה אונזער מעגליך-לעצטע געגעבענע מעגליכקייט צו קענען פאַרבלייבן דאָ וואוינען רואיג, מיט אונזערע אידישע געברויכן.**

**בשפה ברורה ובנעימה, האבן די שלוחי הציבור באטאנט דאס קריטישע וויכטיגקייט לעת הזאת, צו ארויסברענגען יעדע איינציגע שטימע. א ווײ געשריי וואס איז אויסגעהערט געווארן מיט אן אויסטערלישע אינטערעסע און האט אנגעשלאגן דעם ריכטיגן טאן צו פארשטיין און ריכטיג באגרייפן די אחריות וואס ליגט אויף אונזערע פלייצעס נישט חלילה צו זיין קיין צועקים על לשעבר, ווען מען פארמאגט אזא היסטארישע און זעלטענע געלעגנהייט צו טוישן דעם גאנצן מציאות לטובה בעז"ה.**

■ ■ ■

ווי שיין איז געווען די סצענעס וואס מיר האבן מיטגעלעבט יענעם מוצאי שבת, ווען אין לויף פון די שעות פונעם מעמד האט מען געהערט די אמת'ע דברי חכמים כדרבונות, אין אַן אחדות'דיגע אטמאספערע, מיט א געוואלדיגע דגוש אויף "אונזער אחריות אין אזא צייט", אזש עס געדענקט זיך ווירקליך נישט אזא סארט אינהאלטסרייכע מעמד מרומם מיט אזויפיל גייסטרייכע דרשות אין אזא קורצע צייט.

**דער הייליגער מעמד האט ווי אויסגעדריקט א טרייסט און א נחמה פאר אונזער געגנט, דער גרויסער אסיפה האט געצייגט אז "בלומינגראוו" האט בעז"ה א שיינענדיגן עתיד, א לעכטיגן צוקונפט, פאר אונז, פאר אונזערע שטובער און קינדער, ברוחניות ובגשמיות.**

דאס איז געווען די געהויבנקייט וואס האט איבערגעפילט די הערצער פון די הונדערטער נאספים. דאס איז געווען דער בריח התיכון וואס האט מבריח געווען מקצה אל הקצה, במשך די היסטארישע נאכט אינעם חצר פון בית המדרש. דאס זענען געווען די שעות של קורת רוח עילאה וואס האט איינגעהילט אלע תושבים אין א פלאמעדיגן אחדות און התרוממות, און דאס איז געקומען צום אויסדריק אויף צהלת פניהם פון אלע איינוואוינער, וועלכע האבן שווער געקענט צוריקהאלטן זייערע געפילן זעהנדיג וויאזוי "בלומינגראוו" פאראייניגט זיך אויף אזא פרעכטיגן אופן.

**ווייל ביי דעם מעמד הנשגב איז פאקטיש באפעסטיגט געווארן די יסודות פון אונזער הייליגע געגנט! במעמד גדולי ורבני העיר שליט"א האבן מען קובע געווען די מורא'דיגע אחריות, די אויסטערלישע ברענענדיגע חיוב, צו ראטעווען אונזער שטאט! דורך אפגעבן אונזער שטימע צו ראטעווען אונזער עתיד! מיד ולדורות!**

**להקהל ולעמוד על נפשינו!**

# אונזער "זכות" און "מליצה ישרה" צו די הייליגע טעג

א**ט גע**פינען מיר זיך בעפאר די ימי הרחמים והרצון שנת תשפ"א לפ"ק, וועלכע שטייען שוין ביי אונזער שוועל, זוחלים ורועדים מיום בואך! ווען אידישע קינדער קוקן ארויס מיט צעבראכענע הערצער אויף דעם "תכלה שנה וקללותיה- תחל שנה וברכותיה", מיט א געבעט און א האפענונג אז דאס נייע יאר וואס קומט אויף אונז, זאל שוין זיין א געבענטשטע און לעכטיגע יאר אנגעפולט מיט נחמה און און גאולה.

ווי וואונדערליך איז אלזא דער מציאות וואס האט זיך אונז אויסגעשטעלט, אז דוקא אין אזא פארכטיגע צייט, ווען יעדער איד זוכט זיך זכותים, **ווען יעדער ווייל האבן דעם ריכטיגן מליצה ישרה צו זוכה זיין בדין און געבענטשט ווערן מיט א שנה טובה ומתוקה, האט השי"ת אונז צוגעשיקט, דירעקט פאר בלומינגראוווער איינוואוינער, די זעלטענע און איינמאליגע געלעגנהייט צו ערלייכן די ריכטיגע גרויסע זכותים און מליצות ישרות** וואס זאל אונז באגלייטן אין די הייליגע טעג. דורך אריינכאפן די זכותים עצומים **פון ראטעווען א אידישע שטאט, ראטעווען די הייליגע בתי כנסיות ובתי מדרשות און ראטעווען דעם עתיד פון הונדערטער אידישע משפחות** וואס ליגט אצינד אויפ'ן וואגשאל, לטוב או למוטב ה"י.

★ ★ ★

אדרבה, טייערע אידן, לאמיר דערהערן דאס געבעט, דאס הארציגע ווי געשריי, פון די **"כותלי בית המדרש"**, די לאקאלע בתי מדרשים דא אין געגנט, וועלכע קוקן אלע ארויס בעינים צופיות, און **וועלכע ווארטן בכליון עינים אויף "אייער שטימע" דעם קומענדיגן דינסטאג הבעל"ט**, וואס וועט בעז"ה ערמעגליכן די הרחבת גבולי הקדושה, **אז אידן זאלן קענען דאוונען, אידן זאלן קענען לערנען, אידן זאלן קענען גיין אין מקוה**, אלעם אדאנק אייער שטימע וואס וועט **פארבלייבן אייער זכות אויף שטענדיג! ביז משיח'ס טאג!**

**כהיום הזה, פארמאגט "קיין איין איינציגע בית המדרש" אין בלומינגראוו נישט קיין לעגאלע סי. או.!**

דאס הייסט אין קלארע ווערטער אז "לעגאל", לויט דעם געזעץ פון די היזיגע ווילעדזש, זענען מיר אייגנטליך בכלל נישט ערלויבט זיך צו צוזאמקומען אין אונזערע בתי מדרשים, צו דאווענען און לערנען!

מיר שטייען אין א מציאות וואס עטליכע פון אונזערע הייליגע בתי מדרשים זענען רשעות'דיג אפגעשטעלט געווארן פולקאם, אינמיטן די רענאוואציע ארבעט להרחבת גבולי הקדושה, צווישן זיי דאס **"ביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר" אויף די רינאוק גאס**, וועלכע איז ליידער אריינגעשלעפט געווארן דורך דעם ווילעדזש **אין געריכט מיט שווערע ווייעלעישענס און האט נישט די מעגליכקייט צו דורכפירן די קריטיש וויכטיגע אויסברייטערונגען פאר די מקוה און דעם גאנצן בנין הגדול**, וואס שטייט ליידער האלב אומפארענדיגט.



דאס זעלבע האט מען צום באדויערן מיטגעמאכט מיט'ן **בית המדרש "אמרי פנחס קאריץ"**, וואס איז פשוט געשטראנדעט און מען קען זיך נישט רירן. נאך א לענגערע צייט פון **כלומר'שטע פארהאנדלונגען האט די ווילעזש געגעבן צייטווייליגע פערמיטן**, אבער ווי נאר די ארבעט איז אריין אין שוואונג **האט מען עס דראסטיש אפגעשטעלט, צום צער פון די מתפללים, וואס זענען צודרוקט אינעם יעצטיגן היכל ביהמ"ד**, און ווארטן אויף די אויפבוי פון א **שיינעם גרויסן היכל לתורה ולתפלה** מיט א **מקוה מפוארה**, וואס קען נישט צושטאנד קומען מיט די יעצטיגע אדמיניסטראציע.

אן ענליכן גורל ליידט אויך דאס **בית המדרש "חכמת שלמה קאזעוועי"** ווען נאכ'ן צאלן טויזענטער דאללער פאר פלענס, און עס מאדיפיצירן לויט די נייע פארשווערטע געזעצן, פאר א **גאר וויכטיגע עקסטענשאן נאכדעם וואס דער ביהמ"ד איז**

שוין קליין און אויסגעוואקסן, האט אבער די ווילעדזש העסליך צוריקגעוויזן די פערמיטן, און ליידער נאכן זיך מוטשען מיט ענגשאפט, האט די הנהלת ביהמ"ד נישט געזעהן קיין אויסוועג, און מ'האט געטוישט א פערמיט, דורך פארגרעסערן דער ביהמ"ד מיטן אוועקנעמען א חלק פון די דירה פונעם רב הביהמ"ד שליט"א, און פארברויען א פארטש, א פראיעקט וואס איז ווייט נישט קיין פאסיגע אפציע להרחבת גבולי הקדושה.

גלייכצייטיג זענען פארהאן עטליכע בתי מדרשים און מקוואות וואס שטייען ליידער פארשעמט און וואַרטן פשוט אויף דעם טאג ווען מען וועט ערלויבן דאס צו בויען. ווי דאס ביהמ"ד "קהל יטב לב ד'סאטמאר" אויף די מעריוואלד גאס, וואס געפינט זיך ליידער בחורבנה אינמיטן דעם אויפבוי, ווען דער ווילעדזש האט אריינגעשלעפט און געריכט די הנהלת הקהלה, אראפצווארפן דעם יעצטיגן סטרוקטור, און געוויס געבן נישט קיין שום וועג פאר אן אפראוועל צו קענען גיין פאראויס מיטן בויען, ווען דערווייל זענען אלע אפציעס הערמעטיש פארשלאסן.

דאס זעלבע מיט'ן ביהמ"ד "עטרת ישכר דוב זאבליטוב" וואס האט אפגעקויפט א נייעם בנין, פאר א לעכטיגן ביהמ"ד און מקוה מפוארה להנאת התושבים, אבער מען קען אפילו נישט אנהויבן קיין פארהאנדלונגען מיטן ווילעדזש פאר פערמיטן וואס קאסט שווערע געלטער און מ'וועט קיין סאך נישט קענען אויפטוהן נאך די שווערע ערפארונג ביז אהער.

איינגעטליך טוט יעדע איינציגע בית המדרש דא אין געגנט אריבערגיין שבעה מדורי גיהנום ווען ס'איז נישט מעגליך זיך צו אויסברייטערן מיט דאס מינדסטע. א שטייגער ווי דאס ביהמ"ד "מאורות נתן ד'ראדאוויץ" וואס שוין באלד ביים בויען דעם ביהמ"ד האט מען זייער געוואלט בויען מיט עטוואס הרחבה, אז עס זאל זיין א געהעריגע אריינגאנג צום ביהמ"ד מיט א פארצימער, און מערערע בית הכסא און נטילת ידים, אבער דערווייל איז נישט דא קיין מעגליכקייט דערצו.

דאס צענטראלע ביהמ"ד "דברי חיים צאנז זמיגראד", איז קאטעגאריש אפגעזאגט געווארן פון די מעגליכקייט זיך צו באהאפטן צו דעם מוניציפאלן סוער סיסטעם, וואס קאסט אפ פאר'ן ביהמ"ד חודש'ליך ממון ודמים, שווערע געלטער און ענדלאזע מעינטענענס, וויבאלד דער "סעפטיק" דערהייבט נישט דעם סוער באנוץ.

אזוי אויך דאס ביהמ"ד "עבודת ישראל קאזניץ" וואס איז געווען געצווינגען צו אינוועסטירן איבעריגע צענדליגער טויזנטער דאללארן כדי צו ערמעגליכן א מקוה למען טהרתן של ישראל, נאכדעם וואס מען האט זיך אנגעשטויסן אין אומבאשרייבליכע שוועריגקייטן און אלע טויערן זענען געווען פארמאכט מצד דעם ווילעדזש.

ווידעראום דאס ביהמ"ד "פוזנא" קוקט ארויס צו מרחיב זיין דעם היכל מיט א פארצימער און אַן עזרת נשים, ווי אויך פארברייטערן און שענער אהערשטעלן א מקוה מפוארה, אבער מען קען נישט מאכן קיין פארשריט מחמת המציק. און דאס זעלבע שפילט זיך אפ מיט'ן ביהמ"ד "טיב אהרן קרעמניץ" וואס קען נישט בויען קיין מקוה, און דאס ביהמ"ד "באניא – נאדבורנא" וואס איז צר מהכיל, און עס וואלט זיך אויסגעפעלט א שענערן גרעסערן שטובל מיט ביהכ"ס און זייטיגע חדרים, א זאך וואס איז נישט מעגליך יעצט צו נעמען אין באטראכט צוליב די אומשטענדן מיט'ן ווילעדזש.

אצינד, טייערע שכנים, לאמיר זיך זעלבסט מאכן דעם חשבון:

אויב חלילה אדאנק אונזער גלייכגילטיגקייט וועלן די הייליגע בתי מדרשים ווייטער שטיין פארשעמט, ווי גרויס וועט זיין אונזער אחריות דערויף? אויב מיר וועלן ח"ו פארלירן דעם פארמעסט און בתי מדרשים און מקוואות טהרה וועלן ווייטער זיין פארהאקט, ווי גרויס וועט זיין די תביעה אויף יעדן

לאמיר זיך זעלבסט מאכן דעם חשבון:
אויב חלילה אדאנק אונזער גלייכגילטיגקייט וועלן די הייליגע בתי מדרשים ווייטער שטיין פארשעמט, ווי גרויס וועט זיין אונזער אחריות דערויף? אויב מיר וועלן ח"ו פארלירן דעם פארמעסט און בתי מדרשים און מקוואות טהרה וועלן ווייטער זיין פארהאקט, ווי גרויס וועט זיין די תביעה אויף יעדן פון אונז?

פון אונז ?

ומדה טובה מרובה!

**ווען דער צד הקדושה וועט בעז"ה געווינען דעם קריטישן פארמעסט, און די אלע הייליגע בתי כנסיות ובתי מדרשות וועלן ענדליך קענען אויפגעבויעט ווערן לשם ולתפארת. וועט דאך יעדע טבילה פון א איד אין די מקוואות טהרה, יעדע אמן יהא שמי' רבא וואס וועט געזאגט ווערן אין די אלע בתי מדרשים, יעדעס ווארט פון לימוד התורה וואס וועט געלערנט ווערן אין די היכלי התורה, פאסירן בלויז אדאנק אייער שטימע דעם קומענדיגן דינסטאג!**

קענען מיר בכלל באגרייפן דעם זכות ? קענען מיר בכלל משיג זיין וואס פארא מליצה ישרה דאס וועט זיין פאר אונז דעם קומענדיגן ראש השנה ביים גרויסן משפט ?

★ ★ ★

און אט די זכותים נפלאים צום יום הדין, **שטעלט זיך נישט אפ בלויז ביי די בתי מדרשים ומקוואות.** דאס רעכנט אריין אזויפיל אנדערע זכותים וואס מיר קענען אצינד עררייכן, ומידינו יבוקש הדבר.

דער **"שאָטל"** וואס האט אזוי געטריי באדינט אלע איינוואוינער, דער "שאָטל" וואס איז געווען ווי דער **"רעטונגס ברעט" פאר אידישע מאמעס וועלכע האבן געהאט א רואיגן וועג צו קומען און גיין און זיך ערלעדיגן אלע געברויכן אָן דארפן זיצן אינדערהיים און ווארטן אויף קאר סערוויסעס, אדער אויף די טובה פונעם מאן...** שוין **נאנט צו 2 יאר וואס עס איז אזוי אכזריות'דיג פארמאכט געווארן און אצינד קענען מיר האבן דעם זכות פון דאס עפענען!** און גיין צו די הייליגע טעג מיט דעם גרויסן זכות פון "גמילות חסדים", צו העלפן אידישע קינדער זאלן קענען פארן קיין קרית יואל גרינגערהייט.

די **"שמוציגע ברוינע וואסער"** וואס פלאגט אידישע שטובער אויף אן אומדערטרעגליכן פארנעם, די אומבארעכטיגטע **"פראפערטי טעקסעס"** וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף אידישע היים – אייגנטומער שלא ביושר, די **צעשמעטערטע פאבליק אינפראסטרוקטור און לאקאלע ראודס**, די הימל – שרייענדע **"ווייעלעשענס"** און רייזיגע קנסות וואס מען בארויבט פון אידן אין דער געגנט פאר נישט געשטויגענע מינדערוויכטיגע פארלעצונגען, און נאך א רייע פון רשעות און פראבלעמען וואס אידן ליידן אויף א טאג טעגליכן פארנעם.

**אט דאס אלעס קען אפגעשטעלט ווערן דעם קומענדיגן דינסטאג! אידישע קינדער קענען אויפגעראכטן ווערן! צענדליגער טויזנטער דאללארן, בלוטיגע אידיש געלט, קען געראטעוועט ווערן! אלעס דורך קליינע אנשטרענגונג פון "ארויסגיין שטימען"!**

קענען מיר אפילו זיך משער זיין וואס פארא שרעקליכע תביעה עס וועט זיין אויב מיר וועלן דאס פארנאכלעסיגן צוליב פינף מינוט באקוועמליכקייט ? וויאזוי וועלן מיר צוגיין צום ראש השנה ווייסנדיג אז מיר האבן געהאט אזא מעגליכקייט און מיר האבן דאס חלילה פארשפילט ?

**תושבי בלומינגראוו היקרים ווייסן אבער גוט, אז אצינד איז אונזער צייט, עת לעשות לה', מיר וועלן צייגן אונזער געפיל פאר תורה עבודה און גמילת חסדים! מיר וועלן כאפן די אויסטערלישע זכותים אין דער וואך פון סליחות!** און מיר וועלן בעז"ה אנקומען צו די הייליגע טעג, מיט אזויפיל באגאזשן פון זכותים פון תורה תפלה און גמילת חסדים, וואס וועט פולקאם גערעכנט ווערן אויף'ן פערזענליכן קרעדיט פון יעדן יחיד וואס האט מקיים געווען דעם ברענענדיגן חובת השעה, כהוראת הרבנים הגאוה"צ שליט"א.

★ ★ ★

ווייל דאס איז פאר אלעמען זייער קלאר אז די פיינטליכע באהערדע זיצן נישט פארלייגטע הענט, זיי שארפן שוין די ציין מיט אלע סארט בייזוויליגע פלענער, וויאזוי זיי וועלן אנזייען נאך פיל ארגערע צרות און רדיפות פאר'ן יחיד און פאר'ן רבים, באלד נאך די וואלן פארמעסט, הי"ת.

**אויב די שונאי ישראל וועלן חלילה זיגן דעם קריטישן קאמף דאן וועט אלעס וואס מיר האבן שוין ביז היינט מיטגעמאכט זיין בלויז א קלייניגקייט קעגן די מזימות וואס זיי פלאנירן ה"י.**

**תושבי בלומינגראוו היקרים ווייסן אבער גוט, אז אצינד איז אונזער צייט, עת לעשות לה', מיר וועלן צייגן אונזער געפיל פאר תורה עבודה און גמילת חסדים! מיר וועלן כאפן די אויסטערלישע זכותים אין דער וואך פון סליחות!**

די העסליכע ווילעדזש באאמטע רישן זיך מיט גענויע פלענער צו אטאקירן און צו אפשטעלן איינמאל פאר אלעמאל דעם וואוקס פון די אידישע בלומינגראוו, זיי צילן צו פארמאכן אונזערע בתי מדרשים, אונזערע מקוואות, און פשוט אוועקנעמען אלע אונזערע מינימאלע געברויכן אויף יעדן טריט און שריט.

אמבעסטן שרייבן עס ארויס די רבנים הגאונים והצדיקים שליט"א, אין זייער פייערדיגער מכתב אש להבה, וואס איז ערשינען בחתימת ידיהם: "כי עת לעשות לה' ובנפשינו הוא הדבר ובנפש דורותינו... והדבר ברור אשר בכגון דא הפורש מן הציבור בשב ואל תעשה תוצאותיו מי ישורנה... כי בזה תלוי המשך קיום הישוב כולו ברוחניות ובגשמיות... וכל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו".

אין זייערע ווערטער ברענגען די רבנים שליט"א ארויס אט דעם דערציטערענדן פאקטאר **אז דער יחיד וואס האלט זיך אפ פון אפגעבן זיין שטימע איז נישט בלויז א "שב ואל תעשה", נאר ער איז דערמיט א "קום ועשה" לתת חרב בידם, און גיט דערמיט א גרינגע ליכט און אַ וואָפן פאר די שונאי ישראל זאלן אויספירן זייערע פלענער, ווען יעדע רשעות וואס וועט דורכגעפירט ווערן אין די קומענדיגע יארן איז נזקף על חשבונו רח"ל. און אודאי איז דאס זעלבע פארקערט ווען "כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו".**

**דער יחיד וואס האלט זיך אפ פון אפגעבן זיין שטימע איז נישט בלויז א "שב ואל תעשה", נאר ער איז דערמיט א "קום ועשה" לתת חרב בידם, און גיט דערמיט א גרינגע ליכט און אַ וואָפן פאר די שונאי ישראל זאלן אויספירן זייערע פלענער, ווען יעדע רשעות וואס וועט דורכגעפירט ווערן אין די קומענדיגע יארן איז נזקף על חשבונו רח"ל.**

**און אודאי איז דאס זעלבע פארקערט ווען "כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו".**

* * *

דער גאנצער שמועס איז אייגנטליך א קלארע און אפענע לשון פון חכמינו ז"ל (מדרש רבה פרשת קדושים):

"למד אדם ולימד, ושמר ועשה, והי' סיפק בידו להחזיק ולא החזיק, הרי זה בכלל ארור, הה"ד ארור אשר לא יקום." **אפילו א מענטש האט געלערנט, געטון אלע מצות, אבער ער האט געהאט די מעגליכקייט צו העלפן דעם קיום פון תורה ותפלה און ער האט נישט געהאלפן, איז ער בכלל "ארור אשר לא יקום".**

אבער אויב עס איז פארקערט "לא למד, ולא שמר, ולא עשה, ולא לימד לאחרים, והי' סיפק בידו להחזיק והחזיק, הרי זה בכלל ברוך", אפילו דער מענטש האט נישט געלערנט און זיינע מעשים זענען נישט ווי עס ברויך צו זיין, אבער ער האט פרובירט צו העלפן תורה, ער האט פרובירט צו העלפן טהרה, דאן איז ער בכלל ברוך אשר יקום את דברי התורה הזאת.

אזוי איז מפרש דער "יפה תואר" אויפן מדרש, אז אפילו ווען א מענטש קען נישט אנקומען און אויספירן ביז'ן סוף, **אבער אז ער טוט וויפיל ער קען צו העלפן אנדערע אידן, אז ער טוט וויפיל ער קען צו העלפן אז בתי כנסיות און בתי** מדרשים זאלן קענען אנגיין, דאן איז דא די הבטחה פונעם **מדרש אז ער גייט אריין אינעם** גדר פון "ברוך אשר יקום"!

יעצט ביים שוועל פון די ימי הרחמים והרצון, ווען אידן זוכן זכותים און מליצות ישרות."בַּמָּה אֲקַדֵּם וְאִכַּף פְּנֵי לֹא יִקַּח שֹׁחַד. וּבְיָדִי אֵין מַעֲשׂ וְעַל־זֹאת לִבִּי יְפַחֵד", האבן מיר אין די וואך בעפאר ראש השנה דעם זכות העצום פון העלפן דעם כבוד שמים, העלפן דעם קיום התורה והטהרה, און העלפן אידישע קינדער/

**"אֲבָל עַתָּה בְּזָכְרִי מַלְכוּת שֵׁם הַמְיֻחָד, וְעַל זֹאת אֲנִי בוֹטֵחַ", אויך אויב די אייגענע "אקאונט" איז ליידער ליידיג, ווען מיר אבער האבן א זכות אין די ריזיגע "אקאונטס" פון אלע בתי מדרשים, אלע מקוואות, און אלע מעשי החסד, צו אפשטעלן רדיפות און געלט שאדנ'ס פון אידישע קינדער. דורך דעם וואס מיר אפגעבן אונזער שטימע פאר'ן "מלכות שם המיוחד", זענען מיר פארזיכערט מיט אַן אמת'ע מליצה ישרה לצדקינו במשפט!**

**קומענדיגן דינסטאג! בלומינגראוו באחדות!**

# קהל יטב לב ד'סאטמאר, מעריוואלד



## בנין געשטראנדעט אינמיטן אויפבוי

די ווילעזש האט איינגשלעפט אין געריכט די הנהלת הקהלה, אראפצוווארפן דעם יעצטיגן סטרוקטור, ב"ה מ'האט געוואונען די קעיס, אבער זיי געבן נישט קיין שום וועג פאר א אפראוועל צו קענען גיין פאראויס מיטן בויען, און דערווייל זענען אלע אפציעס הערמעטיש פארשלאסן.

מ'האט טאקע עטליכע מאל צוגעזאגט פאר פארהאנדלונגן, אבער ווען ס'איז געקומען לידי מעשה איז אלעס געווארן ווי א זייפן בלאז

# מאורות נתן ראדאוויץ



## וויכטיגע הרחבת גבולי הקדושה קען נישט גיין פאראויס

שוין באלד ביים בויען דעם ביהמ"ד האט מען זייער געוואלט בויען מיט עטוואס הרחבה, אז עס זאל זיין א געהעריגע איינגאנג צום ביהמ"ד מיט א פארצימער, און מערערע בית הכסא און נטילת ידים, וואס איז א שטארק וויכטיג פאר די הרחבת הדעת פון די מתפללים.

עקסטער קוקט מען שטארק ארויס אז מיט די נייע ווילעזש אדמיניסטראציע, זאל מען בעז"ה קענען ארויסבויען א עקסטערע שטיבל א ווייבער שול, וואס לעת עתה איז עס זייער אומבאקוועם

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

# עבודת ישראל קאזניץ



## למען טהרתן של ישראל

די הנהלת ביהמ"ד מוטשעט זיך געפערליך צו קענען אנקומען צו בויען א מקוה, וואס איז אזוי נויטווענדיג פאר די מתפללים, און עס איז אוממעגליך, אלע טויערן זענען פארמאכט, פאר אינטערוועניר צו בויען די מקוה לעגאל.

עס האט שוין געקאסט שווערע טויזנטער

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

# באניע-נדבורנא



## וויכטיגע הרחבת גבולי הקדושה

דער יעצטיגער היכל הביהמ"ד איז צר מהכיל, עס וואלט זיך אויסגעפעלט א שענערן גרעסערן שטובל מיט ביהכ"ס און זייטיגע חדרים, וואס וואלט צוגעהאלפן דער באניער רבי זאל קענען פיל מער אויפטוהן בעבודתו הקודש פאר בחורי חמד לקרב לבבם לאביהם שבשמים כאוות נפשו ומגמתו כל הימים,
א זאך וואס איז נישט מעגליך יעצט צו נעמען אין באטראכט צוליב די אומשטענדן מיט'ן ווילעזש

**בנין האט נישט קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

# שערי תפלה מקוה חיים זאנוויל סאן עטאניע



דער ביהמ"ד פונקציאנירט אונטער א גאראדזש טיר, מען וואגט זיך נישט אהערצושטעלן געהעריגע שיינע ביהמ"ד טירן, אויס פחד אז מ'וועט געוואויר ווערן וואס עס טוט זיך באהאלטן אונטער דעם, א בית המדרש....
אונטער די אויגן פון די באהערדע האט מען באהאלטענערהייט אריינגעטראגן ציגל און צעמענט, און ציטערדיגערהייט געארבייט מ'זאל ח"ו נישט באמערקן, און אזוי האט מען אויפגעבויעט דעם "מקוה חיים זאנוויל" וואס איז אזוי קריטיש וויכטיג געווען פאר א געגנט וואס 15-20 מינוט צו וואקן איז נישטא קיין מקוה.
ווי נאר מ'קען באקומען פערמיטן איז אין פלאן ארויסצובויען בס"ד א שיינעם היכל בית המדרש להרחבת גבולי הקדושה..

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

# אחריות וחובת השעה!

# למען בית ה' אלקינו אבקשה טוב לך!!

לומינגראוו באחדות

יעדער יחיד • פאַר אונזער עתיד!

# בכח האחדות וועלן מיר אלע זיך העלפן איינער דעם צווייטן

## קהל יטב לב ד'סאטמאר, ראנאוק



# אין געריכט

### האלט אפ מעגליכקייט פון קריטיש וויכטיגע הרחבת גבולי הקדושה

ווי אלע בתי מדרשים האט דער ביהמ"ד נישט קיין ס.י.אף או. (ווייל דערווייל איז מיטן ווילעזש אוממעגליך צובאקומען אזא אפראוועל) דער ווילעזש האט אריינגעשלעפט אין געריכט, אז דער בנין איז נישט קיין לעגאלער ביהמ"ד, אויסער די גרויסע קאסטן, קען מען נישט גיין פאראויס מיטן צובויען א שיינע מקוה און פארגרעסערן דעם בנין, פארענדיגן דעם פארקינג לאט להרחיב גבולי הקדושה, אויף וואס אלע קוקן אזוי שטארק ארויס דערויף

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

## קהל דברי חיים צאנז זמיגראד



# פראבלמען מיטן סוער סיסטעם

דער ווילעזש זאגט אפ די מעגליכקייט זיך צו באהעפטן מיט מוניסיפיאל סוער, וואס קאסט שווערע געלטער און כסדר'דיגע מעינטענענס ווייל די סעפטיק דערהייבט נישט די סוער באנוץ

# הרחבת גבולי הקדושה

נס להתנוסס האט דער צאנז זמיגראדער רבי שליט"א געזאגט, אויף דעם וואס מ'קען יא נוצן דעם שול אין די מקוה להנאת תושבי העיר, אבער פון די אנדערע זייט איז דא פראבלמען וואס פלאגן שטארק דעם ביהמ"ד, און מ'דארף מרחיב זיין גבולי הקדושה

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

## אמרי פנחס קאריץ



# בנין געשטראנדעט

נאך א לענגערע צייט פון כלומר'שטע פארהאנדלונגען האט די ווילעזש געגעבן פערמיטן, וואס איז בכוונה תחילה געווען פון זייער זייט אויף צייטווייליג, און ווי נאר די ארבעט איז אריין אין שוואונג האט מען עס אפגעשטעלט, צום צער פון די מתפללים, וואס זענען צודרוקט אינעם יעצטיגן היכל ביהמ"ד.

די הנהלת ביהמ"ד און די ציבור מתפללים, באי בית ה' וכל תושבי השכונה, קוקן ארויס פאר א טויש אינעם ווילעזש וואס וועט ברענגן צום אויפבוי פון א שיין גרויס ביהמ"ד מיט לתורה ולתפלה, און א שיינע מקוה להנאת התושבים

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

## עטרת יששכר דוב זאבליטוב



# והראנו בבנינו

נייע בנין פאר ביהמ"ד אפגעקויפט, זעלבסטפארשטענדליך אז ס'איז נישט ווערד פארהאנדלונגען מיטן ווילעזש פאר פערמיטן וואס קאסט שווערע געלטער און מ'וועט קיין סאך נישט קענען אויפטוהן נאך די שווערע עקספירינעס ביז אהער.

די הנהלת ביהמ"ד אין די גאנצע געגענט קוקן ארויס פאר א טויש אינעם ווילעזש וואס וועט ברענגן צום אויפבוי פון א שיין גרויס ביהמ"ד מיט לתורה ולתפלה, און א שיינע מקוה להנאת התושבים

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

## ביהמ"ד 13 דאללאס



# דרכי ביהמ"ד אבילות מבלי באי מועד

דער בנין איז הערמעטיש פארשלאסן, לאמיר נישט עפענען דעם אייטער, וויפיל געלט און הארעוואניע כוחות זענען אריין אין דעם ביהמ"ד און די מקוה, און אויפצובויען מיט די אייגענע הענט פון תושבי השכונה וואס האבן זיך אוועקגעגעבן פאר דעם ברוח ונשמה.

און ווי נאר מ'האט געעפענט דעם מקוה האט מען עס קורצליך דערויף פארשלאסן, נאך געריכטליכע פראצעדורן וואס איז געקומען באגלייט מיט עמערס עגמת נפש און צער.

**לעת עתה איז די בנין געשטראנדעט, און עס איז געשלאסן די מעגליכקייטן עס צוריקצושטעלן פאר א דירה**

## חכמת שלמה קאזעווע



# עקסטענשאן פלאגעניש

נאכ'ן צאלן טויזנטער דאללער פאר פלענס, און עס מאדיפיצירן אן א מקוה, און טוישינגען לויט די נייע פארשווערטע געזעצן, פאר גאר וויכטיגע עקסטענשאן נאכדעם וואס דער ביהמ"ד איז גאר קליין און זייער אומבאקוועם פאר די מתפללים, האט די ווילעזש צוריקגעוויזן די פערמיטן.

נאכ'ן זיך מוטשען גאר שטארק, און די הנהלת ביהמ"ד האט נישט געזעהן קיין אויסוועג האט דער חשוב'ער רב געטוישט די פערמיט פארלאנג, מיט'ן אוועקגעבן א טייל פון זיין דירה פאר דעם ביהמ"ד לטובת המתפללים, און צוגעבן א טייל פון דירה דורך פארמאכן א פארטש, א אפציע וואס קאסטבאר און ברענגט נישט די עכטע תועלת און ווייט נישט די ערשטע אפציע, להרחיב גבולי הקדושה

## פויזנא



# להרחיב גבולי הקדושה ולמען טהרתן של ישראל

די הנהלת ביהמ"ד קוקט זייער ארויס ארויסצובויען דעם ביהמ"ד מיט כאטש 500 סקווער פיס, און געהעריגן פארצימער א ווייבער שול להנאת המתפללים.

אזוי אויך פארברייטערן און שענער אהערשטעלן די מקוה, עס זאל זיין א מקוה טהרה ומפוארה למען טהרתן של ישראל, להנאת תושבי שכונת לעיק-שאר

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

## טיב אהרן קרעמניץ



די ביז יעצטיגע ביהמ"ד האט מען געבויעט אינטער שווערקייטן, און פרובירט אז מ'זאל ח"ו נישט געוואר ווערן אז דא ווערט געבויעט א ביהמ"ד, ביים בויען די טרעפ פונעם ביהמ"ד האט מען געטוהן פארשידענע אומלעגאלע דרייליך וואס האט שטארק אויפגערעגט די ווילעזש באהערדע, ווייל דער בנין איז נישט קיין לעגאלער ביהמ"ד, אבער א אנדערע מהלך איז נישט געווען.

# למען טהרתן של ישראל

די הנהלת ביהמ"ד וויל בויען א מקוה, אבער מ'ווארט אויף א טויש אינעם ווילעזש צו פארלאנגען לעגאלע פערמיטן ווייל מיטן יעצטיגן אדמיניסטראציע איז נישט קיין פארהאן קיין מעגליכקייטן דערפאר.

## היכל הקודש ברסלב



# להרחיב גבולי הקדושה

ווי יעדע ביהמ"ד דא אין בלומינגראוו איז אין היכל הקודש ברסלב קען מען אויך נוצן הרחבת הגבולים, אין דעם בנין ווי די ביהמ"ד איז האט מען לעצטענס ארויסגעבויעט אבער מ'האט נישט געקענט אסאך צולייגן עס זאל זיין עטוואס באקוועמער פאר די מתפללים, צוליב די שווערע בוי געזעצן וואס שרומפט איין יעדע מעגליכקייט פון אביסל הרחבה.

**נישטא קיין לעגאלע סי. אף או. פאר א ביהמ"ד**

# דעם דינסטאג

## בלומינגראוו באחדות

# יעדע שטימע ציילט

## אַל נָא אַחַי תָּרֵעוּ

# לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ!!

## זיקוקין דנורא, פסק הלכה ודעת תורה הברורה

שנשמע מפום ממלל רברבן

## כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א

**אצל כינוס האדיר "להקהל ולעמוד", בהתאסף ראשי עם יחד קהלות הקודש תושבי בלומינגראוו כאיש אחד בלב אחד, מוצש"ק תשא העעל"ט**

ברוכים הבאים בשם ה'. ס'איז זיך צוזאמגעקומען דא, מסלתה ומשמנה פון דאס שטעטל בלומינגראוו, די אלע וואס זענען דא געקומען וואס האבן זיך אהערגעצויגן.

מען זעהט אין די וואך 'ומשה יקח את האהל ונטה לו אל מחוץ למחנה'. דער רבי ז"ל האט געזען אז ס'איז א צורך אז כלל ישראל זאל זיך האלטן, **דארף זיין אין א שטעטל אויסער די שטאט, מען זאל זיין אפגעזינדערט, מען זאל נישט זעהן קיין גוי פאר די אויגן.**

ב"ה קרית יואל האט זיך צעשפרייט און מען ציעט זיך ארויס אין דער שכינות פון קרית יואל, סמוך ונראה דארט וואו דער רבי ז"ל ליגט. עס האט זיך געמאכט דא אין 'בלומינגראוו' א שטעטל, עס האבן זיך ארייגעצויגן הונדערטער היימישע אינגעלייט.

בעוה"ר די גוים, די וואס פירן די שטאט, זענען רשעים שונאי ישראל. ס'איז אויף זיי נישט קיין קשיא, ס'איז הלכה בידוע שעשו שונא ליעקב, אבער דאס מיינט נישט אז אידן דארפן זיך לאזן צעטרעטן. כ'ווייס, כ'האב געהערט פון די וואס טוען אין דער זאך, אז זיי ווילן פארטרייבן אלע אידן פון דא, און ח"ו אויב ס'וועט זיי געלונגען, ס'וועט נישט בלייבן שטיין.

**הרשעים כים נרגש לא ישקוטו! איז די איינציגסטע זאך אז מען זאמלט זיך צוזאמען, מען איז זיך מחזק איינער דעם אנדערן איש את רעהו יעזורו.**

**די עסקנים דא, וואס טוען דא, אלעס איז ברשות פון די רבנים,** האבן זיך צוזאמען געטומען, **און מען מאכט אז מזאל קענען שטימען פאר זיי, עס זאל זיין א אידישע שטעטל, א איד זאל קענען דא בויען א בית המדרש, מען זאל קענען בויען א מקוה,** מען זאל קענען טון אלעס וואס מ'דארף פאר'ן אידישן עולם.

איך האב עס שוין געזאגט אפאר מאל

## אז די וואס קענען טון און זיי העלפן נישט, זענען עובר אויף "לא תעמוד על דם רעך" דאס איז א זיכערע זאַך

**זיי לאזן נישט מנוחה, זיי רודפ'ן, איז די איינציגסטע זאך אז מען טוט זאכן וואס איז על פי חוק המדינה.**

מען קען עס מאכן פאר א אידישע שטעטל, דער אויבערשטער האט געהאלפן, מען האט סייעתא דשמיא און מען קען עס מאכן פאר א אידישע שטעטל, טאר מען ח"ו קיינער נישט, קיינער טאר עס נישט צוריקהאלטן, יעדער דארף דאס מחזק זיין. אז מען איז מחזק די זאך איז מען מחזק יענעם און מען איז מחזק זעך.

**מען זאל זיך נישט איינרעדן אז מיט דעם וואס איך גיי נישט, איך בין א יחיד, ס'גייט מיך נישט אָן, אבער ס'איז נישט אמת, אז איינער שטערט שטערט ער פאר דעם גאנצן רבים. מ'זאגט, די יודעי דבר זאגן דא, אז מיט איינציגע שטימעס קען מען אנווערן די גאנצע זאך, דאס איז א גרויסע אחריות אויף יעדן איינעם.**

## איבערדעם בעט איך פון יעדן איינעם: "אל נא אחי תרעו"! אין נא אלא לשון בקשה, מען בעט יעדן איינעם, יעדער איינער וואס קען, זאל גיין שטימען פאר די אינגעלייט וואס מען האט זיי געשטעלט אויף דעם.

מיט דעם וועט זיין א **גרויסע כבוד התורה, ס'וועט זיין א קידוש ה'**, מען וועט זען אז קרית יואל פארשפרייט זיך, דאס איז געווען דער רצון פון רבי'ן ז"ל. **מען זאל וויסן אז מיט דעם וואס מען מאכט א אידישע שטעטל, דאס איז דער רצון פון רבי'ן**, דאס וועט זיין מחובר צו קרית יואל, וכל המחובר לטהור טהור, עס וועט זיין די זעלבע ווי קרית יואל. **זאל יעדער איינער שפירן דאס אחריות און ווען מען וועט אים הייסן ער זאל גיין שטימען זאל ער שטימען און דאס וועט זיין א קידוש ה'.**

אין דעם זכות - מען ווייסט דאס אמאל א זיכערע זאך - אז די אלע הייליגע פלעצער וועלן גיין קיין ארץ ישראל, אין דעם זכות וועט מען זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלמה במהרה, מיר וועלן זוכה זיין בקרוב, ס'קומט דאך יום טוב פסח, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים אשר יגיע דם על קיר מזבחך לרצון, במהרה בימינו אמן.

מרן שליט"א שתה לחיים ובירך את כל הנאספים:

**לחיים, לחיים טובים ולשלום.**

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זען ביי יעדן איינעם ישועות, דער אויבערשטער זאל העלפן גרויסע השפעות פאר יעדן איינעם, שמחות און נחת.

**מ'האט מיר געבעטן, איך זאל זאגן די צוויי אינגעלייט וואס מען דארף פאר זיי שטימען, איינער הייסט ר' אברהם משה ווייס זאל לעבן, און דער צווייטער ר' יצחק פעלדמאן נרו יאיר. דער אויבערשטער זאל העלפן אין דעם זכות זאל מען זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.**

# חובת השעה

## דיבורים קילורין לעינים

## הגה"צ רבי יואל הלברשטאם שליט"א

### אב"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר, בלומינגראוו יצ"ו

אצל כינוס האדיר "להקהל ולעמוד", בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל קהלות הקודש תושבי בלומינגראוו כאיש אחד בלב אחד, מוצש"ק תשא העעל"ט

א גוטע וואך. ברשות הרבנים הגאונים שליט"א, ברשות דער חשוב'ער ציבור וואס איז זיך דא צוזאמען געקומען, ברשות די חשוב'ע עסקנים וואס האבן זיך דא אריינגעלייגט במשך די גאנצע תקופה פון די וואלן, איך וועל רעדן נאר עטליכע קורצע ווערטער, ס'איז געווארן אביסל שפעט.

כ'וועל אנפאנגען מיט א תפלה וואס יעדער איד זאגט מוצאי שבת קודש. מען בעט טאקע ווער עס האט נאכנישט געזאגט היינט די תפלה זאל עס אינזין האבן צו זאגן, מען בעט דעם הייליגן באשעפער אזוי: "וכל היועץ עלינו ועל עמך בית ישראל עצה שאינה טובה ומחשבה שאינו טובה תפר עצתו, כדבר שנאמר ה' הפיר עצת גוים הניא מחשבות עמים, עוצו עצה ותופר דברו דבר ולא יקום כי עמנו קל". און בעפאר דעם בעט מען: "וכל היועץ עלינו ועל כל עמך בית ישראל עצה טובה ומחשבה טובה אמצו וברכו גדלו וקיימו קיים עצתו כדבר שנאמר יתן לך כלבבך וכל עצתך ימלא ונאמר ותגזר אומר ויקם לך ועל דרכך נגה אור". דער באשעפער זאל טאקע העלפן עס זאל מקוים ווערן.

הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אשר מפיהם אנו חיים, מיר לעבן נאר היינטיגע צייטן בזכותם פון די גרויסע קדושה, פון זייערע תפלות פון די אלע צדיקים. דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע האט כל ימיו געפועל'ט פאר אידן, ווי זיין זון שרייבט אין דער הקדמה אויפ'ן הייליגן ספר נועם אלימלך, אז: "מיין טאטע האט געהאט מסירת נפש צו פועל'ן אלעס גוטס פאר אידישע קינדער און מבטל זיין אלע

> איז דער "חובת השעה" פון יעדן איינעם איז צו מחזק זיין די עסקנים, זיי טוען א שווערע ארבעט, זיי טוען נישט אזא געשמאקע ארבעט, ס'איז אייביג דא מענטשן, וויאזוי מ'זאגט, מ'דארף טון אזוי, מ'דארף טון אזוי... די אלע זאכן וואס מ'דארף טון זאל מען לאזן אויף נאך די וואלן ווען ס'וועט זיין א רואיגע צייט... יעצט קודם די עטליכע טעג דארף מען פרובירן צו מחזק זיין די עסקנים.

ההולך בדרכיו וכו', אשריך וטוב לך", וואס מען זאגט מוצש"ק נאך ויתן לך, זאגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך: "כי מה שטוב לצדיק בעניני העוה"ז", פארוואס דארף א צדיק האבן אלעס גוטס אויף דער וועלט, "הכל כדי שיבא על ידיו לעולם הבא", ער זאל צוקומען צו עולם הבא דורכדעם וואס ער האט עולם הזה.

זאגט ער: "כי הדברים הצריכים לעולם הבא המה התורה והמצוות", און די אלע זאכן קען נישט געטון ווערן "אם לא שיש לו כל צרכי עוה"ז בריוח", א איד דארף האבן אלע צרכי עולם הזה בריוח. זאגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך: "למשל הכנסת אורחים", א איד וויל מאכן הכנסת אורחים קען מען נאר טאמער מען האט א שיינע גרויסע דירה, "סוכה, ואתרוג, ציצית, מזוזה, אשה ובנים, וכדומה לזה צריך הכל שיהיה להצדיק מעות בריוח". זאגט ער. "וזהו "אשריך" פירוש מה שיש לך טוב "בעולם הזה" אינה עיקר הכוונה, כי אם "וטוב לך לעולם הבא". דער רבי ר' אלימלך זאגט דא אז אידישע קינדער דארפן האבן דירות בריוח, מען דארף קענען טון הכנסת אורחים.

> דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע;
> **אידישע קינדער דארפן האבן דירות בריוח**

ס'איז ידוע די וואך איז די יארצייט פון

שלעכטע גזירות".

אין דעם ערשטן שטיקל ליקוטי שושנה פון הייליגן רבי ר' אלימלך, זאגט ער אויף דעם פסוק: "שיר המעלות אשרי כל ירא ה'

לענינינו, אונז וואוינען דא אין דעם שטאט, וואס איז אַן עיר ואם בישראל, און עס וועט נאך זיין א גרעסערע שטאט מיט'ן אויבערשטנס הילף, וואס יעדער איינער ווייסט אז יעדער וויל אז דא זאל זיין אן ערליכע, חסידי'שע, תורה'דיגע

מקום, א פלאץ פון קדושה, א פלאץ פון השראת השכינה, פון אחדות, פון צניעות, איז דער הייליגער רבי ר' אלימלך זאגט דא אז אידן דארפן האבן אלע זאכן בריוות.

## על פי התורה אשר יורוך; אלעס ווערט געטון מיט'ן דעת תורה

יעדער ווייסט אז מען וואוינט דא אין דער שטאט וואו עס גייט דא א פארקומען וואלן, **און מען איז געזיצן אסאך די חשוב'ע רבנים און שוקל געווען, וואס איז די ריכטיגע וועג וואס מען זאל דא טון, וויאזוי מען זאל דא צוגיין מיט די וואלן.**

איז די ערשטע זאך דארף מען וויסן, אז **יאמר לזכותם** פון די חשוב'ע עסקנים, הר"ר יצחק עקשטיין, מיט הר"ר יואל שטערן, וואס זיי האבן געשפירט דעם חובת השעה, זיי האבן זיך אריינגעלייגט און מען טוט אלעס מיט א דעת תורה, **אלעס רעדט מען זיך דורך מיט די חשוב'ע רבנים הרה"ג שליט"א, וואס צו טון און וויאזוי צו גיין מיט וועלכן מהלך**, אזוי ווי מען איז מתפלל, מען האט אנגעהויבן מיט דער תפלה, "אמצו וברכו גדלו וקיימו".

מען דארף וויסן, אויסער דעם וואס מ'דארף מחזק זיין די חשוב'ע עסקנים, הר"ר אברהם משה ווייס מיט הר"ר יצחק פעלדמאן, וואס זיי האבן זיך אונטערגענומען דעם שווערן עול צו אריינגיין אין דער 'שטאט ראַט' - ווי מען רופט עס - און פרובירן דארט על פי דרכי שלום זעהן אז ס'זאל זיין - ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זאגט דא - אז עס זאל זיין טוב לך בעולם הזה. דארף מען וויסן אז הר"ר יצחק עקשטיין מיט הר"ר יואל שטערן זענען פארנומען מיט דעם 24 שעה א טאג, זעקס אדער זיבן טעג א וואך, מען פרובירט וואס מען קען טון, וויאזוי מען קען בעסער מאכן, אז ס'זאל אלעס זיין עפ"י דרך השלום, באהבה ואחוה ושלום ורעות.

## אונזער "חובת השעה"; מחזק זיין די טייערע עסקנים

יעצט אין די קריטישע צייט איז דער "עבודת השעה". אויסער דעם וואס מען דארף מחזק זיין די קאנדידאטן אליינס, מען דארף שטימען און וועלן פאר זיי, דארף מען וויסן אז יעדער איד דארף בעצם זיין אן עסקן, נישט יעדער איינער קען טון אלע עסקנות, האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן, אשר מלאתיו רוח חכמה, יעדער איינער האט זיך זיינע עסקנות, איינער איז אן עסקן פאר דעם, איינער איז אן עסקן פאר דעם, אבער די צוויי אינגעלייט זענען די עסקנים פאר דער שטאט!

**דארף מען וויסן אז דאס זיצן איינער אליינס צווישן גוים, איז נישט געווען קיינער וואס זאל מסכים זיין.**

**איך האב אריינגעלייגט, מיט די אנדערע רבנים, אסאך שעות, איך ווייס נישט צי די עסקנים וועלן ליב האבן וואס איך זאג, מען איז געזיצן מיט אסאך אינגעלייט, מיט אסאך אידן, אפשר זאל מען זאל איינער אליינס קענען זיצן, איך קען זאגן ס'איז קוים געווען די צוויי וואס זענען מסכים צו זיצן צוויי צוזאמען.**

**"...טובים השנים מן האחד אשר יש להם שכר טוב בעמלם", זיי גייען באקומען א שכר טוב בעמלם.**

**איז דער "חובת השעה" פון יעדן איינעם איז צו מחזק זיין די עסקנים**, זיי טוען א שווערע ארבעט, זיי טוען נישט אזא געשמאקע ארבעט, ס'איז אייביג דא מענטשן, וויאזוי מ'זאגט, מ'דארף טון אזוי, מ'דארף טון אזוי... די אלע זאכן וואס מ'דארף טון זאל מען לאזן אויף נאך די וואלן ווען ס'וועט זיין א רואיגע צייט... יעצט קודם די עטליכע טעג דארף מען פרובירן צו מחזק זיין די עסקנים.

## די צוויי היימישע קאנדידאטן טוען א הייליגע שליחות

די זעלבע זאך, הרה"ח ר' אברהם משה ווייס מיט הרה"ח ר' יצחק פעלדמאן, דארף מען זיי אויך מחזק זיין. זיי זענען מסכים צו אריינגיין אין דעם 'שטאט ראַט'. זיי האבן נישט געוואלט, ס'איז נישט געווען קיין זאך וואס, ווי מען זאגט, מען האט אויסגערופן 'טויזנט די מצות' און מען האט זיך זיך גלייך אנגערופן אה אונז גייען... ס'איז א זאך וואס זיי האבן געטון מיט א שווער הארץ, ווייל זיי פארשטייען אז ס'איז א שווערע ארבעט, ס'איז אַן ארבעט וואס מען דארף יוצא זיין בידי שמים ובידי אדם, מען דארף זיצן צווישן אידן און מען דארף זיצן צווישן נישט אידן, ס'איז זייער זייער א שווערע ארבעט און מען דארף זעהן צו מאכן א קידוש ה'.

מען דארף וויסן, **זיי טוען עס מיט א הייליגע שליחות, ווייל זיי ווייסן אז דא וואוינען אידן יראי ה', דא וואוינען חסידי'שע אידן, מען וויל ס'זאל זיין אַן ערליכע אידישע שטאט**, און פשוט זיי פארשטייען די אידישע געברויכן, ווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זאגט דא אז מען דארף האבן הכנסת אורחים, א גרויסע דירה, מ'דארף קענען בויען א סוכה, די אלע זאכן וואס דער הייליגער רבי ר' אלימלך זאגט דא.

## טובים השנים מן האחד; דאס וויכטיגקייט פון "צוויי" אידישע

## פארטרעטער

איז אויב איינער אליינס זאל אריינגיין אין דער 'שטאט ראַט' איז געווען א מבוכה, צי ס'זאל זיין איינער אליינס צי עס זאלן זיין עטליכע א.א.וו.

דארף מען וויסן אז **דאס זיצן איינער אליינס צווישן גוים, איז נישט געווען קיינער וואס זאל מסכים זיין.** איך האב אריינגעלייגט, מיט די אנדערע רבנים, אסאך שעות, איך ווייס נישט צי די עסקנים וועלן ליב האבן וואס איך זאג, מען איז געזיצן מיט אסאך אינגעלייט, מיט אסאך אידן, אפשר זאל מען זאל איינער אליינס קענען זיצן, איך קען זאגן ס'איז קוים געווען די צוויי וואס זענען מסכים צו זיצן צוויי צוזאמען.

האב איך פונקט געעפענט א חומש, סוף חומש איז אריינגעדרוקט קהלת, האב איך אויפגעמאכט דעם חומש און געקוקט וואס שלמה המלך זאגט. זאגט שלמה המלך אין קהלת: "טובים השנים מן האחד", אזוי שטייט אין קהלת, **"טובים השנים מן האחד אשר יש להם שכר טוב בעמלם", זיי גייען באקומען א שכר טוב בעמלם.**

זאגט דער פסוק ווייטער אין קהלת פארוואס: "כי אם יפול האחד יקום את חברו", אז איינער וועט אונטערפאלן, איינער וועט נאכלאזן, וועט אים א צווייטער אויפהייבן, "ואילו האחד שיפול ואין שני להקימו". אז מען קוקט אריין אין רש"י אויפ'ן פסוק טובים השנים מן האחד, זאגט רש"י "לכל דבר".

איז דאך עס א פסוק, ס'איז א רש"י און ס'איז במציאות! דאס מציאות איז אז די **צוויי חשוב'ע אידן זענען מסכים צו אריינגיין, און זיי טוען אַן עבודה קשה שמבקדש.** דער באשעפער זאל העלפן אז עס זאל יא זיין לייכט אבער לכתחלה וועט עס זיין א זאך וואס - ס'וועט זיין לייכט מיט'ן אויבערשטנס הילף - כ'וויל נישט זאגן דאס פארקערטע, איז דארף מען זען צו טון מען זאל זיי מחזק זיין.

**מורי ורבותי! יעדער איינער וואס גייט ארויס מיט די בני בית שטימען טוט ער וואס א רב דארף טון! "להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים"!**

**אידן דארפן געהאלפן ווערן, מ'דארף דירות, ווען א איד גייט און ער וועלט פאר די קאנדידאטן וואס מען האט דא פריער דערמאנט, העלפט ער ארויס פאר זיין חבר זאל קענען בויען א דירה! אז ס'זאל זיין נאך א שול, נאך א בית המדרש!**

**חלילה וחס אז מיט איינציגע שטימען וועט מען פארלירן, חלילה וחס, זאל מען נישט זיין חלילה קיין צועק לשעבר!**

## יעדער וואס גייט שטימען העלפט דערמיט צרכי עמך ישראל

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זאגט אין דער "תפלה קודם התפלה": "אדרבה תן בלבנו שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם", **איז דאס ערשטע זאך אז ס'איז דא אחדות**, און דער באשעפער זאל העלפן ס'זאל ווייטער זיין אחדות.

דער רבי ר' אלימלך זאגט: "שנראה כל אחד מעלת חברינו", האט מיין טאטע זאל זיין געזונט אמאל געטייטשט, אז דער רבי ר' אלימלך זאגט אז ווען א איד פעלט עפעס, ווען א איד איז צעבראכן, עפעס גייט אים נישט גוט, דאס הייסט אז ער האט א חסרון, זאגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך: "תן בלבנו שנראה כל אחד מעלת חברינו", מען זאל זען אז ביי א איד איז פול, ער איז דערהויבן, ער האט אלעס, "ולא חסרונם", מען זאל נישט זעהן ביי אידן אז עס פעלט עפעס.

עס איז דא אידן וואס האלטן אינמיטן בויען דירות, ס'איז דא אידן וואס ווילן בויען דירות, מען דארף האבן שולן, מ'דארף בויען בתי מדרשים.

ס'איז דא א איד וואס פארט ארום, וואס מוטשעט זיך ארום, יאמר לזכותו הר"ר יואל אבערלאנדער, וואס ער פארט ארום מיט זיין באס, מיט זיין 'שאַטל', וויפיל עיכובים, וויפיל שטיינער ער האט געהאט אויפ'ן וועג, האט ער אבער געוואוסט אז ער דארף ווייטער טון דעם רצון ה', און מען דארף זען ער זאל ווייטער קענען פארן מיט'ן אויבערשטנס הילף.

**דאס איז נישט קיין זאך, חלילה וחס מען קריגט זיך דא מיט איינעם, מען קריגט נישט זיך מיט די גוים חס ושלום, מען וויל פשוט מען זאל האבן די "צרכי עמך בית ישראל מרובים", און ס'איז זייער, זייער א וויכטיגע זאך אז יעדער זאל מיטשטיין.**

## דער געוואלדיגער זכות פון יעדע שטימע להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים!

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט זיך אמאל געטראפן מיט רבי שמעון סופר זצ"ל, דער רב אין קראקא, האט דער הייליגער צאנזער רב געפרעגט פון רבי שמעון סופר, וויאזוי גייט עס אין שטאט האט ער אים געזאגט ב"ה, האט ער געפרעגט וואס טוט זיך מיט'ן עירוב, האט ר' שמעון סופר געזאגט: ס'איז דא משגיחים וואס זיי באפאסן זיך מיט'ן עירוב, פיין, האט אים דער הייליגער







רב געפרעגט, וואס טוט זיך מיט די שחיטה, מיט דאס פלייש, האט ער געזאגט אז די שחיטה איז דא די דיינים וואס זיי באפאסן זיך מיט דאס פלייש, האט ער אים געפרעגט וואס טוט זיך מיט דער תלמוד תורה, האט ער געזאגט פאר דער תלמוד תורה איז דא אן הנהלה זיי באגלייטן דאס, וואס טוט זיך מיט די ביקור חולים, מיט די אנדערע זאכן האט ר' שמעון סופר געענטפערט דער באפאסט זיך דערמיט, א.א.וו.

רבי שמעון סופר זצ"ל האט געזען אז עפעס וויל דא דער הייליגער צאנזער רב, ער האט אים אויף יעדע זאך געענטפערט אז ס'איז דא מענטשן וואס טוען אין דעם, האט רבי שמעון סופר געפרעגט: "הייליגער צאנזער רב וואס טאקע דארף זיין די ארבעט פון א רב אין שטאט?" האט אים דער צאנזער רב געזאגט: "די ארבעט פון א רב אין שטאט דארף זיין "להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים"" דארט וואו ס'איז דא א איד וואס האט א פראבלעם, מ'דארף אים אויפלעבן, מען דארף אים מחי' זיין, דאס איז די ארבעט וואס א רב דארף טון".

**מורי ורבותי! יעדער איינער וואס גייט ארויס מיט די בני בית שטימען טוט ער וואס א רב דארף טון! "להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים"! אידן דארפן געהאלפן ווערן, מ'דארף דירות, ווען א איד גייט און ער וועלט פאר די קאנדידאטן וואס מען האט דא פריער דערמאנט, העלפט ער ארויס פאר זיין חבר זאל קענען בויען א דירה! אז ס'זאל זיין נאך א שול, נאך א בית המדרש! חלילה וחס אז מיט איינציגע שטימען וועט מען פארלירן, חלילה וחס, זאל מען נישט זיין חלילה קיין צועק לשעבר!**

זאל דער אויבערשטער העלפן, אזוי ווי מ'האט דא אנגעהויבן, וכל היועץ עלינו ועל כל עמך בית ישראל אמצו ברכו גדלו וקיימו, ביז מען וועט זוכה זיין צו די גאולה שלמה בב"א.

# לכו בכחכם זה!

## גאַסט עדיטאָריעל

### פון: משה דוד ניעדערמאַן

עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די פאראייניגטע אידישע ארגאניזאציעס אין וויליאמסבורג

געשריבן געווארן בחודש אדר תש"פ העעל"ט, איידער דאס אפשטופן די עלעקשאנס, מיר דרוקן עס יעצט ווען עס איז אקטועל!

בס"ד

מיינע טייערע פריינט, חשוב'ע איינוואוינער פון די עיר ואם בישראל "בלומינגראוו" יצ"ו.

צום ערשטן, בעפאָר איך וועל מסביר זיין דאָס וויכטיגקייט פונעם רוף פון אייערע אייגענע רבנים ועסקנים צו אייך, וויל איך מקדים זיין וואו איך קום אַהער בכלל. דער פשוט'ער ענטפער איז אַז איך טו עס אויפ'ן פאַרלאַנג פון די חשוב'ע עסקנים וואָס געבן זיך אַוועק בלב ונפש פאר'ן ציבור און די געגנט, און איך וויל נישט ח"ו זיין פון די וואס זענען נמנו חבריו על דבר מצוה והוא לא נמנה עמהם. היות, זיי האַלטן אַז צוליב מיין ערפאַרונג די אַלע יאָרן אין וויליאַמסבורג, קען איך מיטטיילן די נחיצות הענין פון אַנטייל נעמען אין וואַלן, על כן שרייב איך צו אייך.

בנוסף לזה, איז אויך דאָ שלש תשובות בדבר.

צום אלעם ערשטן איז דאך "כולנו בני איש אחד אחים אנחנו", מיר זענען אַלע אחים לדעה, תלמידים וחסידים פון רביה"ק זי"ע, וואָס מיר האבן בלויז איין ווילן און שטרעבן: זיך פירן ערליך און אפגעהיטן בקדושה ובטהרה, אויפצוציען ערליכע אידישע דורות אַזוי ווי דער הייליגער רבי זי"ע האָט אונז געלערנט, און אַז אונזער ציבור אין בלומינגראָוו שטייט יעצט אין אַזאַ דעצידירנדן זמן, וואָס איז נוגע דעם ווייטערדיגן עתיד הקהלות ועתיד הציבור בעז"ה, איז דאָך אוודאי אַ חובת השעה אַרויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר מעגליך.

והשנית, איז דאָך באַקאַנט אַז אַ גרויסער ציבור איינוואוינער אין בלומינגראָוו זענען געוועזענע תושבי עיר וויליאַמסבורג, וועלכע האָבן נישט געקענט נאָכקומען די הויכע דירה-פרייזן און דאָס דחקות אין די קליינע דירה'לעך, און דעריבער האָבן זיי אויסגעקליבן זיך אַרויסצוציען אין אייער שיינער געגענט צו געניסן פון אַ הרחבת הדעת בעז"ה, און אַצינד אַז מ'גייט דאָרט ליידער אַריבער שוועריגקייטן וואָס שטערן דאָס ח"ו, שפּירט זיך אַ חוב און א זכי' אַרויסצוהעלפן ווי ווייט מעגליך, אַז מ'זאל בעז"ה יאָ קענען ווייטער אנגיין מיט אייער רואיגע לעבן ולהגדיל תורה ולהאדירה כאשר עם לבבכם.

והשלישית והיא העיקר, בין איך מיט אַ צייט צוריק פאַרבעטן געוואָרן פערזענליך פון הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א פון בלומינגראוו, איבערצוגעבן פון אונזער ערפאַרונג און דערציילן איבער די דרכי השתדלנות וואס מיר האבן מקבל געווען במשך השנים, און וויאַזוי מ'האָט זיך געפירט אין ענליכע מצבים דורכאויס די יאָרן. איז ממילא האַלטנדיג שוין בלויז איין וואך צו די גאָר וויכטיגע וואַלן, וויל איך אַרויסברענגען פאַר אייך בלויז אייניגע נקודות וואס דער חשוב'ער ציבור דאַרף האַלטן פאַר די אויגן אין אַזאַ קריטישן זמן.

★ ★ ★

די הויפּט-נקודה וואָס דאָ דאַרף אַרויסגעברענגט ווערן — אָן זיך אַריינלאָזן אין די רדיפות און שטערונגען וואָס איר גייט דורך, צום באַדויערן — איז דאָס וויכטיגקייט פון האָבן סימפּאַטישע פאָרשטייער אין די רעגירונגס-קאָרידאָרן אויפ'ן פּלאַץ וואו מ'וואוינט.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין יעדן מצב, אפילו ווען מ'ווערט נישט דוקא געשטערט, נאָר וויבאַלד מיר ערליכע אידן האָבן אייגנאַרטיגע געברויכן, מיר פאַרמאָגן ב"ה גרויסע משפּחות, מיר דאַרפן האָבן קהלות, מוסדות, בתי מדרשים, רעליגיעזע באַדערפענישן אא"וו, מוזן מיר האָבן דייקא אַזעלכע פאָרשטייער וואָס זענען סענסיטיוו צו אונזערע געברויכן און זענען גרייט צו גיין אַן עקסטערן מייל אונז צו פאַרשטיין און אונז אַרויסצוהעלפן, אַזוי ווי זיי טוען פאַר אַנדערע חלקים פון דער באַפעלקערונג.

נישט דאָ איז דאָס פּלאַץ צו דערציילן וואס אלץ מ'האט שוין באוויזן ב"ה אויפצוטון פאַר'ן ציבור דורכ'ן האָבן סימפּאַטישע פארטרעטערס אין די וויכטיגע רעגירונגס-אַמטן, סיי לאָקאַל ווי נאַציאָנאַל, צו קענען העלפן דעם יחיד ורבים. אָבער ווי מיר זאָגן שטענדיג, איז פאַר אונז היימישע אידן אַסאַך אַסאַך מער נוגע די "לאָקאַלע" אַמטן, וואָס געבן זיך אָפּ מיט די אַדמיניסטראַטיווע ווירטשאַפטן פון די גאַסן וואו מיר וואוינען, ווייל צו זיי דאַרפן מיר צוקומען טאָג-טעגליך. פון פערמיטן צו פּאָליציי, פון ריינע גאַסן ביז זיך רעכענען מיט אונזערע ימים טובים אא"וו.

און אָט דאָס איז עפּעס וואס **"יעדער" פארשטייט — אויך די אַלגעמיינע באַפעלקערונג — אַז יעדע געגענט, יעדע געמיינדע, האָט די רעכט זיך צונויפנעמען און פּרובירן דאָס בעסטע צו האָבן פאַרטרעטערס וועלכע זאָלן "זיי" רעפּרעזענטירן מיט יושר און צדק.** און צוריקגעקוקט איז דאס טאקע די סיבה פאַרוואָס דער וואַל-סיסטעם איז אַזוי אויסגעשטעלט געוואָרן, כדי ס'זאל נישט זיין געמיינדעס וואס זאלן ווערן פאַרגעסן אָדער געוואָרפן אונטער'ן באָס, נאר יעדע געגענט וואו ס'קאנצענטרירט זיך א מינאָריטעט זאל האבן די פריוועליגיע פון פארמאגן פאַרטרעטער אין די רעגירונג, וואָס זיי שפּירן זיך מיט די באַטרעפנדע פאָרשטייער באַקוועם אַז זיי ווערן דורך זיי באמת פאַרטרעטן.

**דאָס איז דער מציאות איבער גאַנץ אמעריקע, און איבערהויפּט אַזוי אין "אַלע" געגענטער וואו עס קאָנצענטרירן זיך אחינו בני ישראל אין אַלע תפוצות.**

★ ★ ★

מיט אַ בליק אויף צוריק, איז דאָס נישט עפּעס וואס האט זיך אָנגעהויבן היינט אָדער ממש אין די לעצטערע יאָרן. נאָך ס'גייט שוין צוריק צענדליגער און צענדליגער יאָרן, צו די סאמע בראשית יאָרן נאָכ'ן קריג, ווען אונזערע עלטערן זענען אנגעקומען אויף אמעריקע אין האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנצעטרירן אין די היימישע געגענטער און מ'האָט געמוזט צוקומען צו פּאָליטישער אַנערקענונג פאַר אונזער וואוילזיין.

**נאך אין די ימים מקדם בהלו נרו של רביה"ק זי"ע על ראשינו, עפ"י הסכמתו וברכתו, האָבן די היימישע עסקנים ומנהלי המוסדות כסדר גערופן דעם ציבור צו שטימען פאר די אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן וועלכע האָבן זיך גערעכנט מיט — און זענען געווען סימפּאַטיש צו — אונזערע געברויכן, און ב"ה אַזוי האָט מען באַוויזן צו קענען אָן אַ שיעור אויס'פּועל'ן לטובת הציבור.**

**מ'פלעגט בימים ההם אַלעמאָל ביי וואַל-פאַרמעסטן אויסרופן אָפיציעל אין ביהמ"ד הגדול, בנוכחת רבינו הקדוש זי"ע, אז יעדער זאל ארויסגיין שטימען פאַר די אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן.**

ס'שווער אויסצורעכענען וויפיל טובות במשך די יאָרן, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, מ'האט גענאָסן במשך די יאָרן, סיי אפּצוהאלטן די רעגירונג פון זיך אריינמישן אין אונזערע רעליגיעזע רעכטן, סיי צו ברענגען די אינסטאַנצן צוצושטעלן די מאַקסימום זיכערהייטס מאָסנאַמען, סיי פאַר פאָנדן לטובת די געגענט, מיט האַוזינג, מעדיצינישע הילף אא"וו, און די זעלבע צענדליגער צענדליגער אישום וואָס מ'געניסט עד היום הזה, אדאנק דאס פּראַקטיצירן אונזערע שטים-רעכטן און אַרויסברענגען אַ שטארקן "וואַל כח" לטובת הציבור בעז"ה.

★ ★ ★

בשעת די אסיפה פון די רבני בלומינגראָוו שליט"א האָבן די רבנים שליט"א גערופן, וועלנדיג וויסן וואָס מיר געדענקען בנוגע דעם ענין פון האָבן "היימישע פאַרטרעטערס", דאָס טייטש היימישע חסיד'ישע יונגעלייט, וואָס זאָלן זיין אין די רעגירונגס-קאָרידאָרן צו אַרבעטן לטובת הציבור.

האַלטנדיג יעצט פאַר די וואַלן, ווען די רבנים שליט"א האָבן שוין אַרויסגעגעבן זייער פּסק להלכה ולמעשה, אַריינצוּוועלן חשוב'ע עסקנים אַלס "ווילעדזש טראָסטים", וועל איך דאָ בלויז אַרויסברענגען אין קורצע ווערטער דעם מציאות הדברים וואָס מיר האָבן דעמאָלט געגעבן צו ערקלערן.

אין אַמעריקאַנער וואַל-פּאָליטיק איז דאָ אַן אָנגענומענער כלל וואָס הייסט **"פעיר רעפּרעזענטישאָן"**, אין אידיש: יושר'דיגע פאַרטרעטערשאַפט. דאָס טייטש, אז יעדע געמיינדע זאל געניסן פון פאַרטרעטערשאַפט פּראָצענטואַל.

דהיינו, ווען אַ געמיינדע פאַרמאָגט אומגעפער 40% פון איינוואוינערשאַפט אויף אַ פּלאַץ, איז עס העכסט פאַרשטענדליך און יושר'דיג, אַז זיי זאָלן האָבן אייגענע רעפּרעזענטאַטן צו פאַרטרעטן זייערע געברויכן. דאָס מיינט, ס'מוז נישט זיין מ'זאל האבן א רוב, נאָר איינמאל זיי פארמאגן אַ באַדייטנדע אָנוועזנהייט און אַן אָנגעזעענע פּראצענט, איז פארשטענדליך און אנגענומען צו פארמאגן אן אייגענעם רעפּרעזענטאַנט, און ס'שפּירט זיך נישט ביי די אַנדערע איינוואוינער כאילו די ספּעציפישע גרופּע האָט זיך אַרויפגעצוואונגען אויף דער שטאָט.

אַלס ביישפּיל לאָמיר נעמען דעם מציאות טאַקע אין וויליאמסבורג, ביי די לאקאלע וואלן, פארמאגן מיר נישט ממש אַ רוב איינוואוינער, אָבער וויבאלד דער ציבור קומט ארויס אין א בלאק-וואוט, באַווייזט דער ציבור ב"ה — עפ"י רוב — אריינצוּוועלן די אינדאָרסירטע קאנדידאטן, איבערהויפּט ווען ס'האנדעלט זיך אין סיטי-קאונסיל וכדומה, און דאס איז ביי אלעמען פארשטענדליך ביז גאָר, אַז וויבאַלד מיר פאַרמאָגן אַ באַדייטנדן פּראָצענט פון דער לאָקאַלער באַפעלקערונג האָבן מיר אַלע רעכטן צו פּרובירן אַריינוועלן איינעם וואָס וועט זיין געטריי "אויך" צו אונזערע אינטערעסן, בעת עס שטערט נישט גאָרנישט פון די אַלגעמיינע אינטערעסן.

★ ★ ★

**י**עצט, אויף די פראַגע פאַרוואָס מען האט למעשה קיינמאל נישט אריינגעוועלט קיין אידישע קאנדידאטן, האָב איך שוין אָנגעוויזן פאַר די רבנים שליט"א אינעם טעלעפאָנישן שמועס, אַז **פאַקטיש איז שוין אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען עטליכע מאָל וואס מ'האָט ארויסגעשטעלט אידישע קאנדידאטן פאַר'ן סיטי-קאַונסיל זיץ אין וויליאַמסבורג.** 2 פעלער דערפון גייט שוין צוריק אַזוי לאַנג ווי נאָענט צו 50 יאר צוריק.

די היימישע עסקנים האָבן פאַקטיש אַרויסגעשטעלט צוויי מאָל היימישע סאטמארער יונגעלייט עסקנים, צו לויפן פאַר'ן אַמט פון סיטי-קאונסיל. איינמאל איז עס געווען הרה"ח העסקן מוה"ר משה אהרן שטיינבערג הי"ו [שפּעטער ממייסדי חברה הצלה קרית יואל], און א צווייטן מאל האט מען ארויסגעשטעלט הרה"ח מוה"ר וואלף נויאָוויטש הי"ו פון וויליאַמסבורג.

אָבער, למעשה נאָכ'ן עטליכע מאָל פּרובירן האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז עס איז ממש נישט געווען קיין מעגליכקייט צו געווינען, צוליב דעם אויסשטעל פון די דיסטריקטס און די גרויסע דרויסנדיגע וואַל-באַטייליגונג פון אַלגעמיינע איינוואוינער, איז מען למעשה געגאַנגען מיט דרויסנדיגע קאַנדידאַטן וועלכע זענען סימפּאטיש צו אונזערע געברויכן, וועלכע האָבן געקענט אויפטרייבן שטיצע אינדרויסן און אינאיינעם מיט אונזער בלאק וואוט האָבן זיי געקענט זיגן אין די וואַלן. דעריבער האָט זיך אַזוי אַריסגעשטעלט דער מציאות, אַז וויליאַמסבורג פאַרמאָגט נישט למעשה קיין חרד'ישע פאָרשטייער.

**אָבער דאָס איז קלאָר און זיכער אַז מ'האָט שוין פּרובירט צו גיין אין די ריכטונג, מ'האָט אַרויסגעשטעלט אונזערע עסקנים אַלס קאַנדידאַטן, און די סאטמארער קהלה האָט זיי געשטיצט און מ'האָט בהסכמתו פון רביה"ק זי"ע באַפוילן צו שטימען פאַר זיי, און אויך דאַן זענען זיי — ווי פאַרשטענדליך — געלאָפן קעגן אַלגעמיינע קאַנדידאַטן.**

באַזונדער איז בימים ההם פאָרגעקומען וואַלן פאַר די לאָקאַלע "סקול באָורד" אין וויליאמסבורג, וואו ס'געווען עטליכע אָנגעזעענע עסקנים ובעלי בתים חשובים דקהלתינו הק', ובתוכם הרה"ח ר' יודל לעפקאוויטש הי"ו און הרה"ח ר' חיים הערש קלאגסבאלד הי"ו, וועלכע זענען געלאָפן און ערוועלט געוואָרן אַלס מיטגלידער אינעם סקול-באָורד, כדי צו קענען פאַרזיכערן אַז דער ציבור געניסט פון די באַרעכטיגע סערוויסעס לויט וויפיל ס'שייך און דער ציבור זאָל שפּירן אַז אונזערע רעכטן ווערן געהעריג פאַרטרעטן.

★ ★ ★

**ב**משך די אַלע צענדליגער יאָרן ביז היינט, האָבן ערנסטע עסקנים אַלץ געהאַלטן פאַר די אויגן דעם באַראָמעטער: ווילאַנג עס גייט פרידליך און באַשיידן, אָן קיין קעמפערישער העצע, נאָר אויף אַ פּלאַטפאָרמע צו באַדינען יעדן צוגלייך, דאַן איז עס אָנגענומען און פאַרשטענדליך פאַר יעדן איינעם, אַז מיר שטעלן אַרויס אייגענע קאַנדידאַטן, אָפּגעזען צי ס'איז אייגענע מענטשן צי אלגעמיינע קאַנדידאַטן וועלכע זענען פריינטליך צו אונזערע געברויכן.

און זאָל איין זאַך זיין קלאָר, אַ פּונקט וואָס מיר האָבן בעז"ה געלערנט פון אונזערע העכער 40 יאָר אין עסקנות:

**דאָס ארויסברענגען אַ שטאַרקן וואַל-כח, אָן קיין קעמפערישן טאָן, נאָר צו שטיין אויף אונזערע רעכטן, און ארויסברענגען איינפאַך איין קלאָרן און שטאַנדהאַפטיגן מעסעדזש אז "מיר — אַזוי ווי די אַלגעמיינע באַפעלקערונג — האבן פארלאנגען; מיר דאַרפן וואַך, מיר דאַרפן בתי מדרשים, מיר דאַרפן פאָנדינג, מיר דאַרפן סימפּאַטישע אויערן ווען ס'קומט צו שטייערן אא"וו", האָט נאָכקיינמאָל נישט, ב"ה, 'בעקפייערט'!**

— נאָר פאַרקערט, ס'האט שטענדיג געברענגט גוטע און קראַנטע רעזולטאַטן בעז"ה!

**ס'נישטאָ אַזאַ דערהער, אַז די אַלגעמיינע באַפעלקערונג זאָל נישט פארשטיין דעם טרוקענעם מציאות, אַז דאָ איז דא אַ גרויסע גרופּע וואס ווילן אַריינוועלן זייערע אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן אין די לאקאלע רעגירונגס-קאָרידאָרן. ווייל, ווי געזאָגט, איז דאָס דער מציאות איבער גאַנץ אַמעריקע. אין מיר אידן טארן אויך נישט ווערן דיסקרימינירט.**

און נאָך אַן אינטערעסאַנטע נקודה וואס האט זיך ארויסגעשטעלט במשך די יאָרן: **אויך אפילו ווען די אייגענע אינדארסירטע קאַנדידאַטן האָבן נישט צום סוף געווינען פאַקטיש די וואַלן, האָט אָבער דער "מעסעדזש" אפּגעקלינגען אומעטום! אַז די ערוויילטע באַאַמטע האָבן געזען און אנערקענט ווי דער ציבור איז פאַראייניגט, האָט דאָס געברענגט אויסטערלישע אַנערקענונג און בענעפיטן פון וואָס מ'געניסט ב"ה יעדן איינציגן טאָג.**

מיר האבן שוין בייגעוואוינט אין די היסטאריע ווי פילע פּאָליטישע פיינט זענען געוואָרן איבערגעקערט אלס פריינט, אלס נאָר אדאנק דעם וואס מיר זענען געווען פאַראייניגט

**זייט נישט קיין צועקים לשעבר, ווייל איין מינוט נאָך וואָס די שטים-בודקעס ווערן פארשלאסן וועט איר שוין גאָרנישט קענען טון, ווי שטארק מ'זאל נאר וועלן.**

און געשטימט אין אַ בלאָק-וואָוט פאַר די "אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן".

זיי זענען נישט געוואָרן אויפגעצאַרנט; נאָר פונקט פאַרקערט. זיי האָבן אַנערקענט אַז מיר זענען דאָ, מיר ווילן פּראַקטיצירן אונזער לעגאַלע רעכט צו שטימען, און זיי האָבן דאָס רעספּעקטירט, און געטוישט זייער גאַנצע צוגאַנג צו אונז, ווערנדיג פּאַרוואַנדעלט אין די בעסטע און שטערקסטע קעמפער לטובת אונזער ציבור.

**והוא הדבר אשר דברנו. ווען מיר קומען מיט אַ גראָדקייט און באַשיינדקייט, אָן קיין העצערייען, נאָר בלויז זייענדיג פּאַראייניגט, אין אַ שטאַרקן אחדות, פאַר'ן תכלית און תועלת, און נישט אַראָפּטרעטן אויף אַ בכבוד'יגן וועג פון אונזערע פּאַרלאַנגען וואָס מיר פאָדערן פאַר'ן וואוילזיין פון אונז און אונזערע משפחות, דאַן איז נישט שייך קיין שום טענות צו האָבן, נאָר פאַרקערט; ס'ערוועקט רעספּעקט און אַנערקענונג.**

און דאָס צו קענען באַווייזן, איז וויכטיג — קריטיש וויכטיג — יעדע איינציגסטע שטימע!

* * *

טייערע בלומינגראָווער אידן, לא למעני אני דורש, מיר קומען נישט דאָ יעצט צו אייך פאַר אונזער אינטערעסע, און מיר פאַרמאָגן בעצם נישט קיין שום אייגענע אינטערעסע אין די לאָקאַלע בלומינגראָווער ווילעדזש וואַלן.

נאָר איך קום פּשוט אַלס איינער וואָס דער רבוש"ע האָט מזכה געווען צו האָבן די ערפאַרונג, בשליחות פון די גדולי הדור ובראשם אבינו רועינו רביה"ק זי"ע, אין עסקנות לטובת הכלל, אַרויסצוברענגען די וויכטיגקייט פאַר אייך אַליין איר זאָלט אַרויסברענגען יעדע איינציגסטע שטימע לטותבם ולמען עתידתכם!

במשך די יאָרן האָבן אייערע עסקנים זיך פילע מאָל געוואָנדן צו אונז, מיר זאָלן פּרובירן אויסניצן געוויסע קאָנטאַקטן אַרויסצוהעלפן מיט פּראָבלעמען אַז מ'לאָזט נישט בויען קיין בתי מדרשים און מ'דיסקרימינירט אָפן קעגן די אידישע איינוואוינער. אָבער צו זיין אויפריכטיג, מוז דער אמת געזאָגט ווערן, אַז כל זמן דער כח ליגט אין הענט וואָס זענען נישט-פריינטליך צו אונזערע ציבור, איז נישטאָ קיין סאַך וואָס מ'קען טון פונדרויסן!

גאָר אַסאַך איז אָנגעוואָנדן אין די יעצטיגע וואַלן, אַז איר זאָלט אויפהערן אַזויפיל ליידן, איר זאָלט קענען פּאַרענדיגן די בתי מדרשים וואָס זענען געשטראַנדעט, צוריקעפענען די טראַנספּאָרטאַציע וואָס איר דאַרפט אַזוי וויכטיג האָבן אא"וו.

טייערע ברידער, כ'קען אייך נאָר אַזויפיל זאָגן:

**זייט נישט קיין צוקעקים לשעבר, ווייל איין מינוט נאָך וואָס די שטים-בודקעס ווערן פאַרשלאָסן וועט איר שוין גאָרנישט קענען טון, ווי שטאַרק מ'זאָל נאָר וועלן.**

**אין לויף פון די יאָרן האָבן מיר שוין מיטגעהאַלטן פילע פּאַרמעסטן וואָס זענען דעצידירט געוואָרן מיט צען-פופצן שטימען אַרויף צו אַראָפּ, און דאָרט האָט זיך געהאַנדלט פון דיסטריקטס וואָס פאַרמאָגן**

פאַרגרעסערטער ראש השנה נומער

# דער איד

אָרגאַן פון אומאָפּהענגיגען אָרטאָדאָקסישען אידענטום אין אַמעריקע

DER YID Voice of the American Orthodox Jewry • 134 Broadway, Brooklyn N.Y.

Friday, September 13, 1968 * Vol. XVI, No. 24 Twenty cents

ב"ה עש"ק פרשת כי תבוא, כ' אלול תשכ"ח

## אויפרעגונג ביי וויליאַמסבורג אידן געגן נאָמינאַציע פון אַסעמבלימאַן

מיט דעם טויט פון מר. סוועטניק איז ליידיג געוואָרן איינער

| | |
|---|---|
| **זמן** | |
| **סוף זמן תפלת השחר** | |
| עש"ק פרשת תבא | 5:23 |
| עש"ק פ' נצבים | 5:28 |
| ערב ראש השנה | 5:31 |
| עש"ק פרשת וילך | 5:36 |
| **סוף זמן קריאת שמע** | |
| עש"ק פרשת תבא | 9:07 |
| עש"ק פ' נצבים | 9:08 |
| ערב ראש השנה | 9:09 |
| עש"ק פרשת וילך | 9:11 |

פאָסטענס וועלכע ער האָט געהאַט פאַרנומען. דזשאָרדזש סוועטניק איז אויך געווען דער לידער פון דעם דעמאָקראַטישען "סענעקאַ" קלאַב אין וויליאַמסבורג. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן מר. לעני סקולניק. ער וועט איצט אַריינגיין אַלס סיטי קאַונסילמאַן אויף דעם אָרט פון מר. סוועטניק.

צוגלייך איז אָבער אויך ליידיג געוואָרן דער פּלאַץ פון אַסעמבלימאַן אין סטעיט סענאַט, ווייל מר. העראָלד קאָהען וועלכער איז געווען פאַר די לעצטע 12 יאָר דער אַסעמבלימאַן פון וויליאַמסבורגער דיסטריקט, איז באַשטימט געוואָרן אַלס ריכטער אין ציוויל קאָורט

(פאָרזעצונג אויף זייט 2)

## אויפרעגונג ביי וויליאַמסבורג אידן געגן נאָמינאַציע פון אַסעמבלימאַן

(פאָרזעצונג פון זייט 1)

אַזוי אַז דער "סענעקאַ" קלוב האָט געדאַרפט אַפּאָינטען אַן אַנדערען אויף זיין אָרט.

די פאַראייניגטע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרלאַנגט אַז מען זאָל באַשטימען אַן אָרטאָדאָקסישען איד אויף זיין פּלאַץ, ווייל וויליאַמסבורג איז דער גרעסטער אידישער סעקשאָן און אַ צענטער פון רעליגיעזע און חסידישע אידען, זענען זיי באַרעכטיגט צו האָבן איינעם פון זייערע מענטשען. דער דעמאָקראַטישער קלוב האָט זיך אָבער נישט גערעכענט מיט דער גערעכטער פאָדערונג און האָבן ערנענט אַ לאָיער, דעם פּרעזידענט פון דער "וואַי" וועלכער איז ווייט פון צו זיין רעליגיעז און איז ווייט פון צו פאַרשטיין די פאָדערונגען און באַדערפענישען פון די חסידישע אידען. בפרט איז דאָך באַקאַנט אונזער נעגאַטיווע שטעלונג פון די חרדישע אידען צו דער "וואַי" און זייערע אַקטיוויטעטען.

דער באַשלוס האָט פאַראורזאַכט גרויס אויפרעגונג צווישען דער חרדישער באַפעלקערונג קעגן קלוב און עס זענען נאָך נישט באַקאַנט די פאָלגען פון דעם באַשלוס וואָס פאַר אַ שטעלונג דאָס רעליגיעזע אידענטום וועט נעמען אין די קומענדיגע וואַלען.

באַריכט אין דער איד העכער 50 יאָר צוריק ווען די חסידישע וויליאמסבורג האט פרובירט אריינצולייגן היימישע קאנדידאטן אין די ניו יארק אסעמבלי

"טויזנטער" שטימען.

לויט ווי קליין די באפעלקערונג איז אין בלומינגראוו, און לויט ווי שמאָל די אויסגאַנג פון די וואַלן קען זיין, איז זייער מעגליך, אַז ס'וועט אראפקומען צו ממש געציילטע שטימען, און דאַן וועט מען זיך נישט קענען מוחל זיין פאַרוואָס מ'איז נישט אַרויסגעקומען מיט "יעדע שטימע", פארוואס מ'האט נישט געגעבן די מינימאַלע אָנשטרענגונג, פאר די אייגענע טובה.

טייערע ברידער, קיינער קען אייך דאָ נישט העלפן פאַר אייער עתיד אנבאלאנגט די לאקאלע געזעצן, אחוץ איר אליין, בעזרת השם יתברך. לכו בכחכם זה! איר האט יעצט די מעגליכקייט אין אייערע הענט בעז"ה. איר האָט ב"ה די ציפערן, די נומערן זענען זייער שטאַרק, איר דאַרפט בלויז "ארויסברענגען" אייערע ציפערן! חס וחלילה, קיינער זאל עס נישט נעמען פאַר לייכט, ווייל "יעדע שטימע" קען מאַכן אַ דיפערענץ.

איך קען נישט מער ווי אייך מעורר זיין:
**ניצט אויס די מתנה וואָס איר האָט יעצט בסייעתא דשמיא, און מאַכט זיכער אַרויסצוגיין שטימען פאַר די אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן פון די געטרייע עסקנים, על דעתם ועל כוונתם פון די גדולי הרבנים שליט"א.**

**ניצט אויס די מתנה וואָס איר האָט יעצט בסייעתא דשמיא, און מאַכט זיכער אַרויסצוגיין שטימען פאַר די אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן פון די געטרייע עסקנים, על דעתם ועל כוונתם פון די גדולי הרבנים שליט"א.**

★ ★ ★

מ'איז זיכער נישט קיין צופאַל, אַז די וואַלן ווערן אָפגעהאלטן יעצט אין דעם פרייליכן בחודש אדר, וואָס ס'איז ידוע פון חז"ל, אַז דער מזל פון אידישע קינדער שיינט אין דעם חודש, און מ'זעט דאָס טאַקע, בכל שנה ושנה, ווי אין דעם חודש איז אַלץ פאַרהאַן אַ ספעציעלער כח בעז"ה.

והימים האלו נזכרים ונעשים! איז יעצט געוויס זיכער די ריכטיגע און געוואונטשענע צייט "להקהל ולעמוד על נפשם", יעדער יחיד זאָל אַרויסברענגען אַלע שטימען וואס מ'האט, סיי פון זיך אליין, סיי פון די משפחה, סיי פון די ערוואַקסענע קינדער, און פאַרזיכערן פאַר זיך אַליין, בעז"ה, אַ גאָלדענעם עתיד פון וואוקס און רואיגקייט, על פי דרך התורה והמסורה!

★ ★ ★

צום שלום, שטייענדיג שוין געציילטע טעג ערב די קריטישע וואַלן וואָס באַדייטן אַזויפיל פאַר ענקער צוקונפט, ווייל איך אייך נאָר אָנוואונטשן פון האַרצן טיפן: **אחותינו, את היי לאלפי רבבה!**

איר זאָלט האָבן הצלחה וסייעתא דשמיא אין דעם היסטאָרישן עלעקשאָן-טאָג, איר זאָלט איבערקומען אלע שוועריגקייטן און שטרויכלונגען, די אַלע דרויסנדיגע כוחות וואָס ווילן אייך שטערן זאָלן נישט קיין שליטה האָבן, און איר זאָלט בעז"ה אָפּהאַלטן אַ זיג לטובתכם ולטובת עירכם, ס'זאל זיך אָנהייבן אַ נייע גליקליכע תקופה אין אייער שטאָט.

כי מלאכיו יצוה לכם, אייערע עסקנים און פאָרשטייער זאָלן נושא חן זיין בעיני אלקים ואדם, און מיט יראת שמים און ערנסטקייט, מיט אַ הכנעה פאַר דעת תורה און מיט אַ הערכה און שעצונג פאַר'ן דרך המסורה — האַלטנדיג פאַר די אויגן אַז מיר זענען אין גלות און מיר טוען בסך הכל לויט אונזערע בעסטע מעגליכקייטן אויפצוטון פאַר אחינו בני ישראל, אַזוי ווי שתדלנים אין אַלע דורות האָבן זיך געפירט — זאָלן זיי קענען פאַרטרעטן די געברויכן פון אַלע איינוואוינער און דערמעגליכן מ'זאָל קענען ווייטער אויפשטעלן אידישע שטיבער און קהלות ומקוואות, און אַלע געברויכן פון אַן עיר גדולה לאלקים.

און פאַר אייך, טייערע חשוב'ע עסקנים, וואָס איר גיט זיך אַזויפיל אַוועק שלא על מנת לקבל פרס ווייל איך זאָגן ווי פאָלגענד:

ידעתי גם ידעתי, איך ווייס וואָס איר גייט אַריבער, איך שעץ אייער עבודת הקודש און זייט וויסן אַז טון עסקנות איז קיינמאָל נישט גרינג, אָבער אַזויפיל זאָלט איר וויסן, אַז אויף אייך גייט אַרויף די ווערטער פון די הייליגע משנה אין אבות: "כל העמלים עם הציבור, יהי' עמלים עמהם לשם שמים שזכות אבותם מסייעתן", און ווי דער ברטנורא זאָגט אויפ'ן פלאץ, אַז דאָס מיינט נישט די עלטערן פון די עוסקים, נאָר די עלטערן פונעם ציבור, "שזכות אבותן של ציבור וצדקתן העומדת לעד היא המסייעת אל העוסקין עמהן להוציא לאור צדקן"!

דאָ ביי אונזער פאַל, איז דאָך נישט קיין ספק אז די "אבותם" פונעם גאַנצן ציבור איז אונזער הייליגער רבי אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע — וואָס מיר גדענקען נאָך ווי דער ישוב אין קרית יואל איז אים געגאַנגען אַזוי בנפשו — איז דאָך זיכער, אַז זכותו הגדול והקדוש וועט אייך באַגלייטן וחפץ ה' בידכם ישכיל ויצליח, די הצלחה וועט אייך שיינען און לייכטן, לכונן עיר מושב פאר אידישע קינדער, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין אָנצוקומען צו אונזער ענדגילטיגע היים, בירושלים עיר הקודש, בביאת משיח צדקינו, בב"א.

**עשה למענכם, טוט דאָס פאַר אייך אליין, ובשם ה' תעשו ותצליחו!**

United Jewish Community of Blooming Grove

Est. 2019

# United Jewish Community *of* Blooming Grove

*Mailing address:* PO Box 808 Monroe, NY 10949 • *Hotline:* 845-237-4828 • *Email:* Info@UJCofBloomingGrove.org

בס"ד

# יִשְׂרָאֵל עַמְּךָ תְּחִנָּה עוֹרְכִים. שֶׁהֵם מְצֵרִים וּלְהִוָּשֵׁעַ צְרִיכִים

## שמע קולנו חוס ורחם עלינו

שטייענדיג אצינד אין די געהויבענע מסוגל'דיגע טעג פון ימי הרחמים והרצון, ווען די שערי שמים זענען פתוח לקבלת תחנונים ורחמים,

## טוען מיר אויפפאדערן אלע תושבי העיר אנשים נשים וטף צו אויסנוצן די געלעגנהייט און מתפלל זיין לפני מלך שומע תפלה

## אז אונזער שטאט זאל זוכה זיין צו א סייעתא דשמיא און הצלחה אין די קריטישע היסטארישע וואלן, קומענדיגן דינסטאג סליחות!

און מיט דעם כח האחדות ביי אידישע קינדער, זאל צוברעכן די כח פון די אומה"ע וואס ווילן אונז ח"ו שטערן פון קענען אנגיין מיט אונזער אידישע לעבן אין אונזער הייליגע שטאט, ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צום ישועה הכללית בביאת הגואל בב"א

בברכת כתיבה וחתימה טובה

**פאראייניגטע אידישע קהלות בלומינגראוו**


ב"ה

לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה, אלא השלום!

באזונדערע קהלות? יאָ!

אבער מיט איין אידיש האַרץ זענען מיר אַלע

פאַראייניגט!!!

אונזער פאַראייניגטע הילכיגע שטימע

וועט צייגן אונזער אחריות פאַר אונזערע

באדערפעענישן אין אונזער שטאָט!!!

בלומינגראוו באחדות

יעדער יחיד • פאַר אונזער עתיד!

היסטארישע קריטישע וואלן

דינסטאג

סליחות, כ"ו אלול תש"פ

אונזער עתיד • מיין שטימע

יעדע שטימע ציילט!!! אם לא עכשיו אימתי??

די פאַרמעסט איז שמאָל

די וואַלן זענען קריטיש

1 שטימע

קען מעגליך דעצידירן דעם

אויסגאַנג

דו ווילסט נישט זיין קיין צוקוק לשעבר!

בלומינגראוו באחדות

יעדער יחיד • פאַר אונזער עתיד!

היסטארישע קריטישע וואלן

ג' סליחות

פון 12 מיטאג ביז 9 ביינאכט

אונזער עתיד • מיין שטימע

יעדע שטימע ציילט!!! אם לא עכשיו אימתי??

# פיינטליכע העצע קאַמפּיין דורך בלומינגראוו ווילעדזש באַאמטע קעגן זייערע אידישע איינוואוינער גרייכט געפאַרפולן קלימאַקס דורכאויס "קאראנא" קריזיס

די שווערע תקופה פון די **"קאָוויד 19" עפידעמיע אין ניו יארק, איז שוין האפנטליך פאראיבער און באלאנגט שוין צו א טייל פון היסטאריע,** אבער צום גרויסן ווייטאג און באדויערן, איז דאס **בלומינגראווער אידנטום ארויס פון דער תקופה מיט א שווערע דאזע פון שנאה און וויסטע העצע קעגן אונז,** אדאנק די דירעקטע און בייזוויליגע הסתה קאמפיין וואס די ערוועלטע באאמטע אין דעם היזיגן ווילעדזש האבן אנגעפירט מיט אזויפיל שנאת ישראל.

**אנגעהויבן פון די ערשטע מינוט וואס דער קריזיס האט אויסגעבראכן, ביז'ן היינטיגן טאג, האט מען נאכאמאל זיך באגעגנט מיט די אומפארשטענדליכע האַס אָן קיין גבולים, די שנאה וואס פון די היזיגע "ווילעדזש" באאמטע האבן כסדר ארויסגעצייגט, צו מבאיש ריח זיין און באשמיצן לפני העמים והשרים זייערע פרידליכע אידישע שטייער צאלער.**

**און געווען איז עס צום באדויערן דער אמטירנדער מעיאר, און זיינע קאלעגעס אין דעם ווילעדזש אפיס, וועלכע האבן אין לויף פון די עטליכע חדשים געהאט בלויז איין איינציגע מיסיע פאר די אויגן: צו פארשפרייטן שקרים און בלבולים אויף אונז און אזוי ארום אפשטעלן און ענדיגן דעם וואוקס און בליה פון די אידישע קאמיונעטי, פאר יעדן פרייז, היל"ת.**

## בייזע רעטאריק קעגן אידן פאר באאמטע פון דעם גאנצן ראיאן

אין די סאמע ערשטע וואכן פונעם קריזיס, ווען ס'איז פארגעקומען יעדן טאג א פאראייניגטע "קאנפערענץ" אויפ'ן טעלעפאן, צווישן אלע אריבער 150 רעגירונג און הילף באאמטע פון דעם גאנצן "אראנדזש קאונטי" ראיאן, האט דער מעיאר פון "סאוט בלומינגראוו" אויסגענוצט די פלאטפארמע צו העצן און ליארמען קעגן זיינע אייגענע אידישע איינוואוינער, מיט אלע ערליי שעדליכע בלבולים און הסתות.

**אנשטאט אדרעסירן און פאקוסירן אויף די וויכטיגע טעמעס וואס איז דעמאלט געווען נוגע, האט דער מעיאר שטענדיג זיכער געמאכט אויף יעדן וועג, צו ארויפברענגען איינמאל און נאכאמאל ביי די טעגליכע שמועסן זיין איינציגע דאגה אין די טעג: "די דזשאויש קאמיוניטי", וואס "פארשפרייט דעם ווירוס רח"ל.**

און דאס אלעס האט ער געלופטערט פאר רעגירונג באאמטע פון איבער גאנץ אראנדזש קאונטי, אריינגערעכנט אזעלכע וואס ווייסן ניטאמאל אז אזא ווילעדזש ווי "סאוט בלומינגראוו" עקזיסטירט בכלל, און אז דא וואוינט א אידישע געמיינדע.

מיט **עטליכע וואכן שפעטער, ווען די מוסדות התורה אין קרית יואל האבן צוביסלעך געעפענט זייערע טויערן,** האט דער הדיוט קופץ בראש פארשארפערט זיין געפארפולע העצע, מיט'ן **איינמעלדן פאר אלע אריבער 150 גאווערמענט אינסטאנצן, וואס די גאנצע טעמע איז זיי נישט נוגע, אז פון בלומינגראוו פארן יעדן טאג ארויס "אומאידענטיפיצירטע ווענס" קיין קרית יואל, וואו מען טראגט קינדער לערנען תורה באהאלטענערהייט, אזוי ארום אז ווען די קינדער קומען צוריק, שטעקן זיי אן די גאנצע שטאט מיט דעם ווירוס...**

עס לאזט זיך נישט זאגן וויפיל העצע און שנאת ישראל עס איז ליידער נתרבה געווארן דורך די רעטאריק וואס איז געליפטערט געווארן השכם והערב דורכ'ן מעיאר **פאר די אויערן פון רעגירונג אינסטאנצן און הילפס אגענטורן פון איבער גאנץ אראנדזש קאונטי,** וועלכע זענען ביטער אויפגעהעצט געווארן מיט בייזוויליגע בלבולים און הסתה אז מיר בלומינגראווער אידן זענען גאר די פארשפרייטער פונעם ווירוס, אשר תוצאתיו מי ישורנה, ה' ירחם.

## דער מעיאר פון בלומינגראוו בראש החותמים צו אפשפארן "קרית יואל"

אבער נישט בלויז קעגן זיינע אייגענע אידישע רעזידענטן האט דער היזיגער מעיאר דערקלערט קריג, נאר זאגאר אויך קעגן די גאנצע שכינות'דיגע שטאט קרית יואל.

דער מעיאר פון אונזער ווילעדזש, וואס לעבט און אטעמט מיט'ן איינציגן ציל- וויאזוי מען קען אונטערגראבן די "דזשואיש קאמיונעטי", איז געווען **דער סאמע ערשטער און דער ארגאניזירער פון א העסליכע פעטיציע, אונטערגעשריבן דורך עטליכע מעיארן, דעם פארגאנגענעם ערב שבת הגדול, ביים אנהויב פונעם אויסברוך, מיט אן אפיציעלע פארלאנג צום גאווערנער פון ניו יארק, אז די שטאט קרית יואל זאל ווערן דעזיגנירט אלס א באלדיגע "קאנטעינמענט זאנע", מיט'ן איינציגן ציל צו פאראלאזירן די גאנצע היימישע עקאנאמיע מיט ווייטגרייכנדע קאנסקעווענצן חלילה.**

אין דעם ריין אנטיסעמיטישן בריוו, פאדערט דער מעיאר, מיט זיין אינטערשריפט אלס דער ערשטער חותם, אז **קרית יואל זאל הערמעטיש פארשלאסן ווערן, מיט העצערייען וואס דערמאנען טונקעלע תקופות ביי כלל ישראל. דער שונא ישראל האבן נאר געוואלט זעהן וויאזוי קרית יואל איז אפגעשפארט, אין יוצא ואין בא,** וואס מ'קען זיך אפילו נישט משער זיין וואס דאס וואלט באדייט פאר אזויפיל טויזנטער אידישע משפחות אין די אנגעצויגענע ערב פסח סעזאן.

ב"ה איז **דער בייזוויליגער פלאן דורכגעפאלן נאכדעם וואס דער גאווערנער פון ניו יארק האט ווארשיינליך פארשטאנען אז גאר אנדערע "זארגן" דרוקט אויף דעם מעיאר וועלכער נוצט דעם ווירוס פאר א שטעקן צו שלאגן דעם איד.** דער גאווערנער האט דאס ב"ה אפגעזאגט און ארויסגעשליידערט צו די דערלייכטערונג פון תושבי קרית יואל והגלילות.

# רשעות'דיגע אבלאוועס דירעקט קעגן אידן

אין יענע וואכן, ווען עס האט זיך געמאכט אז אין **א קליין שול'כל דא אין בלומינגראוו, איז פארגעקומען א געצוימטע מנין מעריב**, האט דער מעיאר מיט די אנדערע ווילעדזש באאמטע, זיכער געמאכט אז עס זאל אראפקומען א ריזיגע פאליציי קראפט פון צענדליגער! קארס מיט סירינעס, וועלכע האבן געפיפן און געליארמעט און זיך ארויפגעווארפן ווי צערייצטע וועלף אויף דעם קליינעם שול.

**די גאנצע גאס האט איינפאך אויסגעקוקט ווי א מלחמה זאנע, אלעס ווייל צען אידן זענען זיך צוזאמען געקומען פאר א מנין...** וואס האט גוט געדינט די אינטערעסן פונעם מעיאר צו אויפשפילן א בילד כאילו די אידישע קאמיונעטי' פארשפרייט דעם ווירוס, טראץ דעם וואס ער זעלבסט האט גוט געוואוסט דאס מציאות אז מיר האבן זיך זייער שיין און אחריות'דיג צוגעשטעלט צו אלע פאראדענונגען פון די געזונטהייט אגענטורן און פון די רעגירונג.

דאס זעלבע ווירטשאפט האט מען מיטגעהאלטן מיט די אנדערע ווילעדזש באאמטע, א שטייגער ווי **איינע פון די טראסטי קאנדידאטן, די באקאנטע מרשעת פרוי וואגלסבורג, וועלכע לויפט יעצט אויף אויפ'ן טיקעט, איז פערזענליך ארומגעפארן טערארירזירן אידישע משפחות**, צו זוכן אויב עס קומען פאר ערגעץ וואו מנינים, און נאכשרייענדיג משפחות וועלכע האבן שפאצירט צוזאמען.

ווען אידן זענען זיך צוזאמגעקומען **במשך דעם יו"ט פסח, צו דאווענען מיט מנין "אויף די ראודס", מיט אלע רעגולאציעס פון "סאשל דיסטענסינג", האט די מרשעת געשפירט פאר וויכטיג צו קומען צו פארן די ווייטע שטרעקע, פון איר הויז וואס געפינט זיך אינגאנצן אינדרויסן פון אונזער געגנט, צו שרייען אויף די פרידליכע מתפללים**, און שטערן דאס דאווענען, הגם ס'איז געווען "רעליגיעזע סערוויסעס", און אויך אויסגעהאלטן לויט'ן געזעץ מיט די ריכטיגע "גיידליינס".

אייגנטליך האט **דער מעיאר זעלבסט אויך גענומען די מיה און פערזענליך נאכגעפארן "ווענס" אויף די לאקאלע גאסן**, צו זעהן אויב מען טראגט אדער מען ברענגט קינדער פון אידישע שטובער אין בלומינגראוו. **ער איז ארויס פון זיין וועג און בכבודו ובעצמו געלאקערט אויף אינגעלייט מיט קארס און ווענס, אלעס, כמובן, מיט זיין גרויס 'זארג' פאר אונזער וואוילזיין...**

# מיר וועלן אנטשיידן דעם דינסטאג; וועט די געפארפולע העצע קומען צו אַן אפשטעל ?

אידן אומעטום, לאו דוקא בלומינגראווער איינוואוינער, זענען געווען שאקירט און געפלעפט צו מיטהאלטן די אפענע העצע און הסתה וואס איז געלופטערט געווארן אין אונזער ריכטונג דורכאויס דעם קריזיס, **איינמאל און נאכאמאל, מיט אזא טיפע און עפענטליכע שנאת ישראל וואס האט נישט קיין פרעצעדענט אין קיין איין אנדערע אידישע געגנט.**

פאר די העסליכע עלעמענטן אין שפיץ פון די יעצטיגע פיינטליכע אדמיניסטראציע האט נישט צופיל גענוצט דער פאקט אז דאס **בלומינגראווער אידנטום האט זיך באמת שיין צוגעשטעלט צו אלע פאראדענונגען פון די געזונטהייט אגענטורן און פון די רעגירונג.** זיי האבן זיך אויך נישט געקימערט מיט **די הערליכע סצענעס פון קידוש ה', וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך די אחריות'דיגע עסקנים, סיי מיט די נאבעלע "פוד - באנק" פאר די שכינים,** און סיי מיט די אנדערע פרטים ווי **זיכערהייט מאסנאמען און עקוויפמענטס, שריפת חמץ, א.א.וו. ווען מען האט זיך צוגעשטעלט און אקעגעקומען די אינסטאנצן מיט אלע זייערע פארלאנגען**, זיי צו צייגן אז די אידישע געמיינדע זוכט צו העלפן און זיך צושטעלן מיט אלעם וואס נאר שייך.

**קיינער קען נישט פאראויסזאגן די קאנסקעווענצן פון אט אזא שעדליכע העץ קאמפיין וואס באשולדיגט אונז מיט אלע צרות און מחלות... קיינער וויל נישט טראכטן וואס עס קען חלילה זיין די רעזולטאטן פון די ענדלאזע מיאוס'ע שונד אטאקעס קעגן אידישע קינדער, השי"ת זאל אודאי האלטן די רעכטע האנט און אונז היטן פון אלעם בייזן.**

אבער טאקע דערפאר פארשטייט יעדער בר דעת, אז ס'איז פארהאן איין און דאס לעצטע מיטל, צו אפשטעלן דאס גיסן בענזין צום פייער פון שנאת ישראל.

**ס'איז פארהאן איין איינציגע אויסוועג וויאזוי עס וועט בעז"ה אפגעשטעלט ווערן די קייט פון שנאה און רדיפה קעגן אונזער לעבנסשטייגער, "עת צרה הוא ליעקב וממנה נושע"!**

**דעם קומענדיגן דינסטאג סליחות, וועט דאס בלומינגראווער אידנטום האבן די שליסלען אין דער האנט! דעם דינסטאג, וועט עס ליגן ביי אונז צו מאכן די גורל'דיגע הכרעה!**

**זאל פארזעצן די שרעקליכע העצע און רדיפות דורך אונזערע "ערוועלטע באאמטע" ? אדער זאל אויפשיינען א נייע ליכט אין דער געגנט, מיט יושר'דיגע פארטרעטער פונעם גאנצן ציבור תושבי העיר, וואס זאלן אונז רעפרעזענטירן און אונז ארויסהעלפן מיט רעספעקט און אחריות ?**

**דער אויסוואל איז בלויז אונזער'ס!**

April 3, 2020

The Honorable Andrew M. Cuomo
Governor of New York State
NYS State Capitol Building
Albany, NY 12224

Dear Governor Cuomo:

As local leaders in Orange County, ours is not an easy row to hoe. Not only are we dealing with people fighting an unseen enemy, some of these same people are unable to work and provide for their families as we practice and enforce your "New York State on Pause" program. None of us would disagree that the program is warranted and necessary in order to flatten the curve and stop the spread of COVID-19. Our police departments and code enforcement officers have been quite vigilant over these past weeks in trying to enforce the "new normal" which encompasses rules, codes, and policy that came directly from your office on March 20, 2020.

It seems that some of our neighbors are not on the same page. Time after time, we see photos in the newspaper and video clips on the evening news of certain members of our society congregating on the streets, in each other's homes, and places of worship. As the number of cases in the New Rochelle area increased, we were so pleased that you followed the advice of New York State Health Commissioner Dr. Howard Zucker and ordered a containment zone as necessity to stop the spread of the virus. We have a similar hotspot here in Orange County in the Town of Palm Tree. Only covering approximately two square miles, Palm Tree leads Orange County with diagnosed cases of COVID-19. Our towns and villages all surround Palm Tree and there is much commuting by its residents into neighboring municipalities.

We are aware that Orange County Executive Steve Neuhaus had suggested making the Town of Palm Tree a containment area. We urge you to reconsider your opinion and action on this matter. The only responsible step to keep all neighboring villages and towns safe is to issue a containment order.

We are acting responsibly as municipal leaders and we ask that all others do, too. We must be a cohesive unit with the good of the people at the forefront of all of our decisions and actions. In the words of Ronald Reagan, "We must reject the idea that every time a law's broken, society is guilty rather than the lawbreaker. It is time to restore the American precept that each individual is accountable for his actions."

Best regards,

James A. Lofranco
Mayor
Village of South Blooming Grove

Robert C. Jeroloman
Supervisor
Town of Blooming Grove

Anthony P. Cardone
Supervisor
Town of Monroe

Neil Dwyer
Mayor
Village of Monroe

Stephen H. Welle
Mayor
Village of Harriman

Timothy P. Egan
Mayor
Village of Woodbury

Frank J. Palermo
Supervisor
Town of Woodbury

cc: Representative Sean Patrick Maloney, Assemblyman Colin Schmitt, NYS Senator James Skoufis, County Executive Steven Neuhaus, Senator Kirsten Gillibrand, Senator Charles Schumer, Dr. Howard Zucker, Dr. Irina Gelman, President Donald J. Trump, *Times-Herald Record, Orange County Post*

























ארריינצושיקן נייעס, ארטיקלען, בילדער מזל טוב'ס,
ברוכים הבאים, ברווז ביטע זיך פארבינדן מיט די
רעדאקציע אויף אימעיל, שרייבט צו:
**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**

